№ 19 — Nakład opłacony ryczałtem — פּרייז 20 גראָשען — „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 8 maja 1936 — 6.54 ליכט-צינדען — פרייטאג פ' אמור ט"ז אייר תרצ"ו

Bibljot. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

צו דער עפענטליכקייט.

ה' יוחנן לענטשנער איז מיטוואָך אינדערפריה געקומען אויפ'ן הויף פון אונזער געשעפט און זיך געוואָנדען צו די קריסטליכע קונדען, וועלכע האָבען געמאכט ביי אונז די איינקויפען, או זיי זאָלען ביי אונז נישט קויפען ווייל ביי וואָלאַשטשיקען בעקומען זיי די זעלבע סחורות פאַר א ביליגערען פרייז. ווען מיר האָבען איהם אָנגעקוקט מיינענדיג, אז ער איז משוגע געוואָרען און איהם אויפמערקזאַם געמאכט אויף זיין ווילדען משונה'דיגען טהאָט, האָט ער נאָך אָנגעהויבען צו זידלען מיט געמיינע קללות און זיך געוואָנדען נאָכאַמאָל הויך אויפ'ן קול: קויפט נישט ביי זיי ווען איהר קאָנט די זעלבע סחורות בעקומען ביי וואָלאַשטשיקען.

אויף דעם זענען דאָ יודישע עדות, וועלכע זענען געווען אַנוועזענד ביי דער דאָזיגער משונה'דיגער ווילדען ארויסטריט.

מיר געבען דעם דאָזיגען פאַקט אָהן שום פרושים צו דער עפענטליכקייט.

אוטשאַ וויינשטאָק—מאַרקאָוויטש.

Tabela 10-letniego okresu Spółdzielczego Banku Przemysłowców i Kupców

Rok	Ilość udziałowców	Fundusz udziałowy	Łączna odpowiedzialność	Fundusz zasobowy	Wkłady i R-ki bieżące	Należność B-ku	Suma bilansowa	Obroty z jednej strony	Redyskonto	Inkaso	Zysk
1926	395	24,111	420,000	500	121,231	46,835	457,236	17,864,620	32,303	3,897,105	805,—
1927	457	51,091	593,000	12,500	214,809	160,820	884,264	52,307,338	62,400	11,111,039	13,752
1928	507	69,795	850,204	12,500	423,462	425,605	1,242,472	63,158,130	24,733	12,604,613	19,486
1929	525	85,020	1,001,000	31,500	554 895	438,716	1,649,410	82,922,550	39,551	15,916,190	20,733
1930	500	105,915	1,059,154	50,000	1 019,408	641,278	1,845,040	78,175 424	8,960	12,754,463	30,494
1931	464	111,555	1,115,555	70,000	497,711	318,668	1,223,629	66,740,439	9,201	10,748,623	12,824
1932	371	99,593	995,936	72,000	451,006	203,388	1,010,845	46,933,895	6,597	7,098,527	1.259
1933	352	90,851	908,518	72,000	444,044	324,806	996,434	43,679,979	5,942	6,373,590	11,527
1934	352	93,240	932,402	77,000	656,538	494,061	1,436,815	56,352,355	16,197	7,960,230	4,967
1935	350	97,223	972,230	101,000	804,330	700,278	1,847,749	67,737,315	23,267	9,450.916	16,610

צו דער אויפמערקזאַמקייט פון די, וואָס פאָהרען אויף ל"ג בעומר אויספלוגען

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערקלערונג און אָנגענומענעם בעשלוס אויף דער געמיינזאַמער פערזאַמלונג מיט די קריסטליכע ווילע-בעזיצער וועגען פערזיכערן די רוהע פון די יודישע לעטניקעס אין אָסטראָווע (בלאַכאָווניע), ווענדען מיר נאָכאַמאָל די אויפמערקזאַמקייט ספּעציעל פון די וואָס פאָהרען אויף די ל"ג בעומר אויספלוגען, אַז זייער רוהע אין אָסטראָווע (בלאַכאָווניע) וועט דעריבער זיין פולשטענדיג זיכער און וועט דורך קיינעם נישט געשטערט ווערען. אין נאָמען פון די אָסטראָווער ווילע-אייגענטימער

דוד רייכער

ל. יאַקובאָוויטש.

דעם מיטאינהאַבער פון „מלין ספּולקאָווי" ה' א. ד. יאַקובאָוויטש צו דער תנאים פון זיין זוהן גאָדעל ווינשען פיעל גליק

די מיטאינהאַבער פון מיהל „אַמעריקאַנקאַ" אין וויעלון.

אונזער פריינד ר' אברהם דוד יאקובאָוויטש און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער זוהן גאָדעל מיט פרל. בראָניא בירפריינד ווינשען די עלטערן פיעל נחת און די פערלאָבטע — גליקליכע צוקונפט.

יודל רינג און פרוי, אלי' קאהן און פרוי.

די לעצטע וואָרנונג.

היות איך האָב שוין מעהרערע מאָל גערופען לדין און צו א בוררית די ה"ה: אייזיק שטערנזיס און זיין זוהן משה ווי אויך דעם ה' יוסף בוגאַיער און זיי האָבען נישט בעוויליגט צו קומען, פאָדער איך זיי אויף צום לעצטען מאָל לדין אויף זונטאג דעם 10 מאי 6 א זייגער אָוונד, אין געגענפאַל נעם איך אראָב פון זיך יעדע פעראנטוואָרטליכקייט פאַר די ווייטערדיגע פאָלגען.

יחיאל אינגבער.

שוין צו פערדינגען

אויף אַלעע וואָלנאָשטשי נר. 19

2 וואוינונגען צו 3 שטיבען מיט א קיך מיט אַלע בעקוועמליכקייטען מיט צוויי קאָרידאָרען איינגענג.

ערקונדיגען זיך ביים אדמיניסטראטאָר ט. קעניגהייט.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na kursy I, II, III, lekcje pojedyńcze (indywidualne) codziennie.
אכטונג: יעדען שבת קומט פאָר פּראַקטישע לעקציע פאַריגדישע געזעלשאַפט. אָנהויב 8 אָוו. 1-קלאַסיגע מוזיק

וויעלון! שטענדיג אויף לאַגער וויעלון!

אָנאָדען, באַטעריעס, אַלערליי זשאַרובקעס פיליפּס, העליאָס, אָסראם

ביי אברהם פּאַקולאַ, וויעלון

פלאַץ לעגיאָנוב 10.

איך נעם אויך אָן ליטשניקעס צו סטעמפּלען. געלעגענהייטליך צו פערקויפען א ליטשניק.

רעיעל! ביליג!

Nowoczesny radioodbiornik
„COLUMBUS"

3-lampowy z 4 prostownicą
niebywale selektywny 3 zakresy fal
doskonały odbiór stacyj zamorskich
Ceny przystępne Warunki najdogodniejsze
Stale bezpłatnie demonstrowany
TRIOKONG Zakłady Przemysłu Radjowego GARIBALDIEGO 28. Telefon 10-99.
Salon demonstracyjny: N. Teichner Aleja 14, tel. 17-91

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע זעלינגער צוליב'ן טויט פון זייער זוהן און ברידער

יהושיע ישראל ז"ל

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

יצחק רייבער און פרוי.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה' יעקב אלי' עדעליסט צוליעב'ן טויט פון זיין ערעוורדיגען פאָטער ר' יצחק דוד נ"ע אין טשענסטאָכאָוו.

השוכן בציון ינחם אותו.

הירשל וואָלמאן און פרוי, וויעלון.

נ"ע

גאָלדע קאַפינסקא

געשטאָרבען דעם 7 מאַי 1936 י. אין 71 לעבענס-יאָהר.

די לויה וועט פאָרקומען היינט, פרייטאָג, ד. 8 ד. ח. 3 אַ זייגער נאכמיטאג פון דער וואוינונג, אַלעע 38.

קינדער.

בדמי לבותינו אנו מודיעים שנסתלק מאתנו ושבק לן חיים עטרת ראשנו בעלי ואבינו היקר נבר בגוברין בעל מע"ט בר אורין ובעל מדות תרומיות

מוהר"ר דוד יצחק ב"ר שמואל ז"ל עדעליסט ז"ל

הלויתו למנוחת עולמים היתה ביום ו' עש"ק ט' אייר תרצ"ו.

ויחד אנו מביעים תודתנו העמוקה לכל אלה שהשתתפו בצערנו ושנחמו אותנו מינוגנו ד' הטוב ישלם שכרם וישכין כל טוב באהליהם

המשפחה המתאבלים.

את מזכיר של הקהלה מר

יעקב אלי' עדעליסט

לרגלי מות עליו אביו נ"ע

מביע השתתפות בצער

השלטון של הקהלה העברית בוילון.

מעמקא דלבא הננו מביעים את השתתפותנו בצער גיסנו ידידנו יעקב אלי' לרגלי האסון שקרה לו במות עליו אביו החסיד והעסקן דצבורה

ר' דוד יצחק עדעליסט נ"ע

בטשנסטחוב. המקום ינחם אותם בתוך אבלי צ"וי.

פייוויש סקרזיניא ומשפחתו, יעקב סקרזיניא ומשפחתו, משה יחיאל סקרזיניא ומשפחתו, וויעלון.

אונזער שותף דעם ה' נח עדעליסט און פאמיליע צוליעב'ן טויט פון זייער פאָטער

דוד יצחק נ"ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

ישעיהו יעלין און פרוי.

מיין חשוב'ן שעף, דעם ה' נח עדעליסט און פאַמיליע צוליעב'ן טויט פון זייער פאטער

דוד יצחק נ"ע

דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

פ. פוקס.

Dnia 11 maja b. r., jako w pierwszą bolesną rocznicę śmierci

b. p. **Zofji Wajnsztokówny**

Przełożonej Szkoły

odbędzie się o godz. 17-ej odsłonięcie pomnika

Nabożeństwo żałobne zostanie odprawione w Nowej Synagodze tegoż dnia o godz. 19-ej.

Znajomych, przyjaciół i bliskich zapraszają

Komitet Rodzicielski
Grono Nauczycielskie
Szkoły im. Zofji Wajnsztokówny.

עס האנדעלט זיך וועגען דיני נפשות

מיר האבען אין פויריגען נומער פון אונזער צייטונג אנגעוויזען, אז צוליב די בעדינגונגען, וועלכע האבען זיך געשאפען אויפ'ן זאוואדזיער מארק, זענען 300 מארקשטעהער פער'משפט צום אונטערגאנג, צו פערלירען זייער פרנסה־קוואל, און דערפאר האבען מיר אפעלירט צו דער קהלה־פערוואלטונג, אז זי זאל זיך בעמיהען צו קומען צו הילף די 1500 נפשות, כדי זיי זאלען נישט דארפען אנקומען נאך קצבה.

איצט אבער זענען מיר געצווינגען צו קומען און זאגען, אז עס האנדעלט זיך נישט בלויז אין דיני ממונות, נאר עס איז אויך א פראגע פון דיני נפשות די מארקשטעהער פון זאוואדזיע זענען נישט איינגעשטעלט בלויז מיט זייער ביסעל האב־און־גוטס, נאר אויב זיי וועלען נישט בעצייטענס אנטלויפען פון דארט, קענען זיי דארט אויך פערלירען זייערע לעבענס.

אלעמען זענען בעוואוסט די געשעהענישען, וואס זענען פארגעקומען פערגאנגענעם פרייטאג, דעם ערשטען מאי, ווען כוליגאנישע ענדעקעס האבען זיך געלאזט וואילגעהן איבער יודישע קעפ. דאס, וואס זיי האבען נישט געקאנט אויספיהרען אין צענטער שטאדט, ווייל מען האט זיך זיי ביז א געוויסען גראד אקעגענגעשטעלט, האבען זיי אבגעטהון אין זאוואדזיע, וואו ס'איז הפקר. דארט אין „זייער" מקום, דארט האבען זיי נישט בלויז חרוב געמאכט יודיש פערמעגען, נאר אויך געשלאגען מכת רצח, עטליכע יודען פערוואונדעט און איין קרבן אזוי צו'הרג'ט, אז ער דארף האבען גרויסע נסים, דאס ער זאל ארויס בשלום.

אין דער אטמאספערע, און וועלכער מיר לעבען איצט, קאן קיינער נישט גאראנטירען, אז עס זאלען זיך נישט ווידערהאלען די זעלבע געשעהענישען. ווער פון אונזערע כלל־טהוער קען דעריבער אויף זיך נעמען די אחריות פאר די עטליכע הונדערט פאמיליעס, וועלכע זענען אויסגעשטעלט יעדען טאג אויף פארמעלע פאגראמען.

ווי ס'איז צו זעהען פון היינטיגען בעריכט אין אונזער צייטונג, איז די וואך פארגעקומען א גרויסע פערזאמלונג פון די יודישע מארק־שטעהער, וואו ס'איז ארומגערעדט געווארען די טרויעריגע לאגע פון די דאזיגע אומגליקליכע יודען. מען טאר אבער נישט יוצא זיין מיט'ן בלויזען רעדען, מען מוז זיי קומען צו הילף און דאס וואס פריהער, ווייל עס האנדעלט זיך נישט בלויז וועגען ראטעווען די דריי הונדערט יודישע מארקשטעהער פון א עקאנאמישען רואין, עס האנדעלט זיך יעצט וועגען זייער לעבען, וואס בעדראהט טאג־טעגליך, עס האנדעלט זיך וועגען דיני נפשות.

ש.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער סוחרים־און פאבריקאנטען־באנק.

פערגאנגענעם זונטאג איז אין לאקאל פון סוחרים־און פאבריקאנטען־פעראיין פארגעקומען די 10־טע יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלוג פון דער סוחרים־און פאבריקאנטען־באנק.

די פערזאמלונג עפענט דער וויצע־פארזיצער פון ראט אדוו. קאנארסקי, וועלכער זאגט א פאר ווארימע ווערטער וועגען די ארץ־ישראל־אונרוהען און בעט צו בעעהרען די געפאלענע קדושים מיט אויפשטעהן און א מיגוט שטיל־שווייגען. דערביי פערזיכערט דער רעדנער, אז דאס יודישע פאלק, וועלכעס בויט מיט שווייס און מיה זיין לאנד וועט זיך נישט אבשרעקען פאר'ן פערגאסענעם בלוט, נאר וועט נאך מיט מעהר מוט און אויסדויער אויפריכטען זיין אלט־ניי היימלאנד. עס ווערען אויך בעעהרט מיט אויפשטעהן די קדושים פון פזשיטיק און אנד., וועלכע זענען געפאלען פון מערדערישע הענד נאר דערפאר, ווייל זיי זענען יודען.

מען בעעהרט אויך דעם אנדענקען פון די גרינדער פון דער קאאפעראטיווער בעוועגונג דר. קלומעל און וואצלאוו ווישליצקי.

אדוו. קאנארסקי בעגריסט דאן דעם אינספעקטאר פון רעוויזיאנס־פערבאנד אין ווארשא דעם ה' שמויש, וועלכער איז געקומען אלס גאסט אויף דער פערזאמלונג. דאן גיט ער איבער די אויפטהוען פון דער באנק דורך די 10 יאהר פון איהר עקזיסטענץ פאר'ן יודישען האנדעל, מלאכה און אינדוסטריע אין אונזער שטאדט. א גרויסען פערדינסט — זאגט דער רעדנער — האט דערביי דער זעהר טעטיגער און געוויסענהאפטער דירעקטאר ה' סטאניסלאוו פרושיצקי, וועלכער איז דער ריכטיגער מאן אויפ'ן ריכטיגען פלאץ.

אלץ פארזיצער ווערט אויסגעוועהלט ה' אינזש. רייצאס, וועלכער פערבעט צום פרעזידיום־טיש די ה"ה: אינספעקטאר שמויש פון ווארשא, פראפארט און י. ענגעל, אלס סעקרעטאר — ב. קורלאנד.

ה' מ. נויפעלד גיט איבער זעהר טשעקאווע ציפערען פון די 10 יאהר פון דער עקזיסטענץ פון דער באנק, ווי אזוי זי האט אנגעהויבען און 1926־טען יאהר צו ענטוויקלען איהר טעטיגקייט ביז'ן היינטיגען טאג, ווען זי ווערט גערעכענט אלס איינע פון די ערשטע יודישע קאאפעראטיווע בענק אין פוילען.

אזוי למשל איז אין יאהר 1926 געווען 158 מיטגלידער מיט'ן איינגעצאהלטען פאי קאפיטאל פון 1.625 זל. און אויפ'ן 31־טען דעצעמבער 1935 איז געווען 350 מיטגלידער מיט איינגעצאהלטען קאפיטאל 97.223 זל.

א גענויע טאבעלע פון דער 10־יעהריגער טעטיגקייט וועט דער לעזער געפונען אויף אנ'אנדער ארט אין היינטיגען נומער.

צום סוף וויל איך נאך בעמערקען — זאגט דער רעדנער — אז מעגליך דאס ס'זענען פערהאנען פערשידענע מיטגלידער, וועלכע האבען טענות צום ה' דירעקטאר פרושיצקי פאר דעם שטרענגען ריגאר בעת'ן ערטיילען די הלואות. מיר האלטען עס גראד פאר א גרויסע מעלה, ווייל אויב מיר קאנען איצט קומען מיט א רוהיג געוויסען צו די מיטגלידער וועגען דעם געזונטען פונדאמענט פון אונזער באנק איז עס טאקי נאר א דאנק דעם דירעקטאר פרושיצקי.

דעם בעריכט פון אויפזיכטס־ראט גיט אב דר. באלעסלאוו העלמאן. אויך ווערט געלעזען דער פראטאקאל פון אויפזיכטס־ראט, וועלכער שטעלט פעסט, אז די בוכהאלטעריע און די גאנצע פיהרונג פון דער באנק איז אין הסכם מיט די פארשריפטען פון די קאאפעראטיווע בענק.

דעם בילאנס גיט אב דיר. פרושיצקי. דער אומזאץ בעטרעפט פון איין זייט 67 מיליאן מיט 737.315.68 זל., די בילאנס סומע בעטרעפט 1.867.749,49 זל., ריינער ריוח — 16.610.06 זל.

אויך לעזט דיר. פרושיצקי אדורך דעם פראטאקאל פון דער רעוויזיע מצד דעם רעוויזיאנס־פערבאנד, וועלכער זאגט זיך ארויס מיט גרויס אנערקענונג פאר דער סוחרים און פאבריקאנטען־באנק.

ה' קרעל טארעלט דאס, וואס מען נעמט נאר פאר דער אינקאסע צו 10 גר. פאר א שטיק, האלטענדיג, אז מען דארף דאס אונבעדינגט העכערען.

דיר. פרושיצקי ענטפערט, אז צוליב קאנקורענץ־סיבות מצד א געוויסער פאמיליען־באנק האט מען געמוזט פערקלענערען דעם אבצאל פאר די אינקאסע, איצט אבער וועט אין דער הינזיכט די זאך רעגולירט ווערען.

אינספעקטאר ה' שמויש האלט דאן א קורצען רעפעראט וועגען די אויפגאבען פון די קאאפעראטיווע בענק, ער גיט אנ'איבערבליק איבער דער 15 יעהריגער טעטיגקייט פון דער יודישער קאאפעראטיווער בעוועגונג אין פוילען און צום שלוס מאכט ער קאמפלימענטען דער לייטונג פון דער היגער באנק, וועלכע האט אויסגעהאלטען די קריזיס־יאהרען און ווערט פעררעכענט אלס די קאאפעראטיווע אינסטיטוציע פון ערשטער מדרגה. ער ווינשט דער באנק און בעזונדערס דעם דיר. פרושיצקי ווייטערדיגען ערפאלג אין דער ארבייט, וועלכע דינט אלס א וויכטיגע פלאצובקע פאר'ן יודישען סוחר'טום אין טשענסטאכאוו.

די פערזאמעלטע דריקען אויס אונטער א דונער פון אפלאדיסמענטען א דאנק דער לייטונג און דירעקטאר פאר זייער טיכטיגער אויבייט אין דער פערוואלטונג און ראט ווערט ערטיילט אבסאלוטאריום.

דער ריינער ריוח וואס בעטרעפט די סומע פון 16.610.06 זל. ווערט לויט'ן פארשלאג פון דער פערוואלטונג צוטיילט אויף פאלגענדען אופן: 13.820 — אויפ'ן גרונד־קאפיטאל, 1000 — אלס רעזערוו פאר שטייערן און די רעשט 179006 זל. איבערגעטראגען אויפ'ן נעכסטען יאהר.

ה' שטאם לייגט פאר, אז פון ריוח זאל ווערען געגעבען 2000 זל. פאר'ן יודישען שפיטאל.

ה' מיסקע לייגט פאר, אז היות ווי דער סוחרים־פעראיין געפינט זיך אין א קריטישער לאגע און עס דראהט איהם אנ'עקסמיטיע זאל מען פון די געלטער געבען א געוויסע סומע פאר'ן סוחרים־פעראיין.

נאכ'ן ענטפער פון די ה"ה דיר. פרושיצקי און פרעזעס נויפעלד ווערט דער אויפ'ן פון צוטיילען דעם ריוח אנגענומען לויט'ן פארשלאג פון ראט און פערוואלטונג.

פרעזעס וועקסלער רעפערירט וועגען בודזשעט, דערביי גיט דער רעדנער אנ'איבערבליק איבער די בודזשעטען פון די גאנצע צעהן יאהר. אויפ'ן לויפענדען יאהר זעהט דער בודזשעט פאר די סומע פון 6.150 זל. א חודש, וואס ווערט איינשטימיג אנגענומען.

עס ווערט געענדערט און פערפולקאמט דער 44־טער פונקט פון סטאטוט. אויך בעשליסט די פערזאמלונג איבערצוגיסען די פאזיציע פון 15.000 זל., וואס האט פיגורירט אונטער'ן נאמען ספעציעל זאל ווערען פעראייניגט אונטער דער פאזיציע „זאסאבאווע".

עס ווערט דאן בעשטימט, אז די העכסטע סומע, וואס די באנק קאן נעמען אויף זיך זאל זיין 1.500.000 זל. און דער העכסטער קרעדיט, וואס א מיטגליד קאן בעקומען זאל זיין 25.000 זלאטעס.

אין דער פערוואלטונג ווערט אויפניי אויסגעוועהלט דער ה' מ. נויפעלד. אלס פערטרעטער: יוזעף שטארקע, יהודה ענגעל און קאהן. אין אויפזיכטס־ראט די ה"ה: אדוו. מ. קאנארסקי, דר. שלייכער און דר. טעמפעל, פערטרעטער — סט. זיגמאן, י. לעווקאוויטש און י. קאהן.

די פערזאמלונג דריקט אויס א דאנק דעם פארזיצער פאר פיהרען די פערזאמלונג און דעם סעקרעטאר ה' ב. קירלאנד פאר פיהרען כסדר דורך די 10 יאהר דעם פראטאקאל פון די אלגעמיינע פערזאמלונגען.

דער ועד־געשריי פון די בכבוד'ע געפאלענע צו „תומכי עניים" מוז דערהערט ווערען!

ווי עס איז בעוואוסט ווערט דורך דער געזעלשאפט „תומכי עניים" יעדען שבת פערטיילט פאר 350 פאמיליעס (1000 נפשות) ברויט, חלות און אייער. עס ווערט אבער נישט געזאמעלט אזוי פיעל ס'זאל קענען בעפרידיגען די אלע, וואס זענען ביי אונז רעגיסטרירט, צוליעב וואס מיר זענען געצווינגען יעדען שבת צוזוקויפען 150 קילא געבעקס. ס'איז אבער אויף ווייטער נישט פערהאן קיין מעגליכקייט צוזוקויפען, ווייל מיר האבען זיך שוין שטארק פערשולדיגט ביי דער פסח־אקציע. נעמענדיג דאס אין אכט האט די פערוואלטונג אויף איהר לעצטער זיצונג בעשלאסען אויסצושטרייכען פון דער ליסטע 50 פאמיליעס. אבער אויך דאס האט זיך נישט איינגעגעבען, ווייל אלע, וואס פיגורירען אויף דער ליסטע פון „תומכי עניים" זענען נויט־בעדערפטיגע; זייער ועד־געשריי איז אונברחמנות'דיג און אויב זיי זאלען נישט בעקומען די געהעריגע פארציעס, קומט זיי אויס מיט זייערע פאמיליעס אויסצוגעהן פון הונגער.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג מיט דעם הייסען רוף: טראגט אקעגען, וואס מעהר חלות און ברויט די יודען, וואס קומען יעדען שבת אויף די הויפען זאמלען פאר דער געז. תומכי עניים! זייט אויך מנדר יעדען שבת בעת עלית התורה און אויך ביי יעדער געלעגענהייט זאלט איהר גערענקען וועגען „תומכי עניים", וואס וועט איהר געבען די מעגליכקייט צו לינדערן די אונגעהויערע נויט, וואס הערשט צווישען הונדערטער בכבוד'ע יודישע פאמיליעס אין אונזער שטאדט.

די נויט איז גרויס און דער ועד געשריי פון די בכבוד'ע געפאלענע פאמיליעס מוז דערהערט ווערען.

אין נאמען פון דער פערוואלטונג

פרעזעס: ב. באטשאן.

אין אלעם זענען שולדיג יודען...

קליינער פעליעטאן.

איך בין שוין נישט קיין יונגערמאן, כ'האב שוין הינטער זיך איבער 4 צענדליגג יאהרען און די גאנצע צייט בין איך א יוד, וואס אינטערעסיר זיך מיט'ן יודישען לעבען אין דער גארער וועלט, בפרט מיט דעם לעבען פון די יודען אין פוילען. פונדעסטוועגען מוז איך זיך מודה זיין הויב איך נישט אן צו וויסען פון דאנען ביז אהער, כ'האב נישט קיין אהנונג, וואס פאר א גרויסען איינפלוס מיר יודען האבען אויפ'ן עפענטליכען לעבען אין פוילען.

אדרבה, הערט, וואס עס זאגען וועגען אונז די פוילישע ענדעקעס אין זייערס אנ'עפענטליכען אויפרוף, וועלכער איז צוקלעבט געווארען אויף די מויערען פון אונזער שטאדט.

„פאלאקען! אין פוילען קעמפען צוויי צדדים. איין צד, וועלכער ווערט אנגעפיהרט פון יודען, כדי צו בעהערשען דאס פוילישע פאלק און זיי צו אונטערדריקען, און דער צווייטער צד — דער גאראדאווע פוילישער לאגער, וועלכער וויל א פריי, שעהן פוילען. אין דעם היינטיגען פוילען איז דער מיניסטער א יוד, דער גענעראל א יוד, דער פראקוראר א יוד, די פרעסע א יודישע, די בענק יודישע, דער פאבריקאנט א יוד, דער קאמוניסט א יוד. אלץ, וואס עקזיסטירט אין פוילען איז יודיש, אינדערזעלבערצייט, ווען דאס פוילישע פאלק איז ארבייטסלאז און האט נישט וואס צו עסען. דעריבער דארף מען דעם יוד ארויסטרייבען און מיר ריינע כשר'ע פאלאקען דארפען פערנעמען זייערע ערטער, ד"ה אז א פאלאק זאל ווערען מיניסטער, גענעראל, פראקוראר, פאבריקאנט א. א. וו. א. א. וו."

און איך שוטה האב געמיינט, אז אין פוילען איז נישט פערהאן קיין איין יודישער מיניסטער, קיין איין יודישער גענעראל וכו', ביז ס'זענען געקומען די ריינע כשר'ע פאטריאטען און האבען מגלה געווען דעם סוד, אז אין פוילען זענען פערהאנען יודישע מיניסטארען און יודישע גענעראלען.

אויב ס'איז אמת די בעהויפטונג פון די ענדעקעס, און אמת איז עס אוודאי, ווארום ס'איז דאך נישט שייך, אז אזעלכע געוויסענהאפטע מענשען זאלען זיך גלאט אויסטראכטען ליגענס, טא דארף מען דאך דעם גאנצען געדאנקגאנג פון אונזערע ביז־איצטיגע איינשטעלונגען רעווידירען. ווייל ממה נפשך: אויב מיר האבען יודישע מיניסטארען, יודישע גענעראלען וכ"ו, טא פארוואס קומט עס אז מיר זאלען ווערען אזוי בע'עולה'ט, טא פארוואס האט מען פערבאטען די יודישע שחיטה און איינגעפיהרט נאך אזעלכע בעגרענצונגען. נאר צוריקגעשמועסט איז דאס בעגרעניצען די יודישע שחיטה אויך א יודיש שטיקעל. מסתמא האבען אזוי בעשטימט די זקני ציון, כדי אבצונארען די פאלאקען.

נאך א סברה, אז די ענדעקעס זאגען אמת, ווייל זיי האבען נישט געשריבען אין זייער אויפרוף, אז יודען זענען, למשל, סטרוזשעס, אז יודען זענען פאליציאנטען, אז יודען זענען פאבריקס־ארבייטער, אז יודען זענען בעאמטע אויף דער באהן און אין אנדערע מלוכה'שע אנשטאלטען — והראיה, יודען זענען דאך טאקי דארט נישט פערטרעטען. אדרבה, ווייזט מיר איין יודישען סטרוזש, פאליציאנט, אדער מלוכה־אנגעשטעלטען. הייסט עס דאך, אז יודען האבען זיך געכאפט צו די העכערע אמטען, וואו מען בעקומט פעטע פענסיעס, און די געוועגליכע ארבייט האבען זיי איבערגעלאזט פאר די פאלאקען.

אין פוילען איז פערהאנען לויט די ענדעקעס 4 מיליאן יודען, האבען זיי זיך איינגעטיילט מיט די בכבוד'ע אמטען. א האלבער מיליאן ווערען מיניסטארען, א מיליאן — גענעראלען, א האלבער מיליאן פראקוראַרען, אנדערטהאלבען מיליאן פאבריקאנטען און די איבריגע קאמוניסטען, און במילא בלייבט שוין נישט איבער, ווער עס זאל זיך פערנעמען מיט געוועגליכער פראסטער ארבייט, ווי זיין א סטרוזש, א פאבריקס־ארבייטער אדער גאר א פראסטער פויער און בעארבייטען דאס פעלד.

גערעכט זענען זיי די ענדעקעס, און איך האב געמיינט, אז צווישען יודען זענען אויך דא ארבייטסלאזע, פרנסה'לאזע און איבערהויפט איז אונזער לאגע אין פוילען א פערצווייפעלטע, עד שבאו — ביז ס'זענען געקומען די ענדעקעס און האבען מיר געעפענט די אויגען, אז איך האב געלעבט מיין גאנץ לעבען אין א טעות.

פונדעסטוועגען האלט איך, אז די ענדעקעס ווייסען נאך נישט אלע אונזערע געהיימניסען. ווען זיי וואלטען למשל נאך געוואוסט וועגען דעם אמט, וועלכען ס'פערנעמט ביי אונז, למשל, דער גענעראל משה ברוך, דער פראקוראר צינע זאב אדער גאר דער מיניסטער חונטשע, וואלטען זיי דאך מרעיש עולם געווען. אדער ווען זיי וואלטען, למשל, געוואוסט אז אונזער גענעראל גובערנאטאר, זיין עקסעלענץ ר' איטשע מאיר קרעל רעדט אויף א יודישער פערזאמלונג דווקא בלויז אויף פויליש לשון, וואלטען זיי דאך — כ'ווייס אליין נישט, וואס זיי וואלטען געטהון...

אבער דאס זענען קליינגקייטען. דער עיקר איז, אז דאט איצטיגע פוילען איז לויט די ענדעקעס אינגאנצען בעהערשט דורך יודען, ווייל אין זעלבען אויפרוף ווערט אויך געזאגט, אז די סאנאציע ווערט אנגעפיהרט דורך די יודען, די פ. פ. ס. — יודען, אלץ און אלע, וואס געהערען נישט צום גרויסען נאציאנאלען פוילישען לאגער, זענען יודען.

איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואס דעם ערשטען מאי, וואס איז בעשטימט א יודישער יום־טוב, וועלכען ס'האבען מתקן געווען די חז"ל אדער די יודישע סנהדרין אין ירושלים מיט העכער צוויי טויזענד יאהר צוריק, אז אט אין דעם מאי־צוג האבען מארשירט אנ'ערך 12 טויזענד יודען, וואס האבען זיך פערשטעלט פאר קריסטען, אז אט אויף דעם מאי־צוג האבען זיך געווארפען די נאבעלע ריטער פון גרויסען פוילישען לאגער און האבען מיט זייערע איירעלע הענד פערגאסען יודיש בלוט.

אז אלץ איז פערכאפט דורך יודען, איז נישט קיין חידוש, וואס דער פאלקסצארן האט זיך אויסגעגאסען אויף דעם פייניגער פון די פוילישע פאלקס מאסען, דעם מיניטער, דעם עקספלואטאטאר — לייביש מייטליס, וועלכער האט זיך ספעציעל אוועקגעשטעלט אויפ'ן זאוואדזיער מארק מיט א ביסעל סחורה, כדי אזוי־ארום אבצונארען די וועלט, אין דער צייט, ווען ער, דער דאזיגער מייטליס, איז דער רעגירער פון פוילען, וועלכער פערשקלאפט דאס פוילישע פאלק...

אפשר וואלטען אט די נאבעלע העררען, וועלכע האבען ארויסגעגעבען דעם דאזיגען אויפרוף, זיך אראבגעכאפט אין יודישען שפיטאל און אנגעקוקט דעם דאזיגען קרבן פון ענדעקישען כוליגאניזם און אפשר וואלטען זיי גלייכצייטיג אריינגעקוקט אין דעם „פאלאץ" פון זעלבען קרבן און געזעהן את רוב גדלו ורוב עשרו, דאן וואלט אויך ביי די דאזיגע חיות רעות זיך אפשר דערוועקט דאס מענשליכע געפיהל, אויב ס'איז איבערהויפט ביי זיי דאס נאך פערהאנען.

סמאל.

דער שאָטען-קאָנגרעס.

(קלאַנגען און אָבקלאַנגען)

פון לעאָ קעניג.

יעדעס פאָלק האט אַ רעגירונג, און אַ שאָטען-רעגירונג; א מיניסטאָרען-קאַבינעט און א שאָטען-קאַבינעט, אין וועלכען עס זענען פערטרעטען די פיהרער פון דער אָפיציעלער אָפּאָזיציע.

יעדעס פאָלק, יעדע מדינה, און נישט בלויז די פאַרלאַמענטאַרע לענדער. אפילו אונטער דיקטאטורען זענען פערהאַן שאָטען-קאַבינעטען.

עס מעג אויסזעהען פאַנטאַסטיש נאר אפילו אין דער פאשיסטישער איטאַליען און אינ'ם נאַצישען דייטשלאַנד זענען איצט פערהאַן שאָטען-קאַבינעטען.

אפילו אינ'ם נאַצישען דייטשלאַנד, וואו קיין פּאָליטישע פארטיי און אנשויאונג אויסער דעם נאַציזם טאָרען נישט עקזיסטירען, איז דאך אפילו איצט פערהאַן אַ שאָטען-רעגירונג אויסער דער פאַקטישער היטלער-רעגירונג.

צי די איצטיגע שאָטען-רעגירונג אין דייטשלאַנד בעשטעהט פון די פיהרער פונ'ם רייכסוועהר, צי פון די אַרבייטער-פיהרער, וועלכע זענען טיעף אין בעהעלטעניש, נאר אַ שאָטען-קאַבינעט (צי אפילו א פאָר אַזעלכע) עקזיסטירט אויך אינ'ם איצטיגען נאַצי-לאַנד.

וואָס טהוען ס'רוב אָט די שאָטען-קאַבינעטען און רעגירונגען אין אלע לענדער?

זיי וואַרטען אויף זייער שעה, ווען דער פּאָליטישער באָדען וועט ווערען רייף זיי זאָלען איבערנעמען די פאַקטישע מאכט, און די איצטיגע רעגירער פערטרייבען אין שאָטען.

דערווייל וואַרטען זיי און שטיצען פאסיוו און אקטיוו, ווי זיי לוינט זיך, די אָפיציעלע און פאַקטישע רעגירונגען.

און אין די לענדער וואו אָפּאָזיציעס זענען שטרענג פערבאָטען, אָפּאָנירען זיי מיט א טיפען געדיכטען שווייגען, וואס איז גאָרנישט אַזוי אונשעדליך ווי דיקטאַטאָרען ווילען זיך איינרעדען.

ס'איז א שווייגען אין וועלכען עס הערען זיך די טויבע ווייטע טריט פון דער קומענדיגער מרידה; ס'איז אַ שווייגען אין וועלכען מען קען הערען ווי עס וואכט לאַנגזאם אויף דער גרויזאַמער פאָלקס-צאָרן.

און אזוי אין אלע לענדער און ביי אלע פעלקער, יעדעס פאָלק, יעדע מדינה האט א פאקטישע רעגירונג און א שאָטען-רעגירונג.

נאָר איין פאָלק איז פערהאַן — דאס יודישע פאָלק — וואס האט נישט קיין פאקטישע רעגירונגען, מ'ניסטאָרען קאַבינעטען און פארלאמענטען, נאָר בלויז... שאָטענדיגע.

ס'איז אויך אפשר אינגאַנצען אַ שאָטען-פאָלק, א פאָלק וואס קריגט דעם בעוואוסטזיין פון א בעזונדער פאָלק נאר אין א עת צרה — אין שאָטען. מיר האבען נישט קיין רעגירונגען, פאַרלאמענטען און אנדערע פערטרעטערשאפטען נאר שאטענס בלויז.

אונזער גאנצע פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיגקייט איז נישט קיין ממשות'דיגע נאר א שאטענדיגער, בלויז אָפּאָזיציעס, און איין שאָטענדיגע אָפּאָזיציע בעקעמפט א צווייטע שאטענדיגע אָפּאָזיציע.

און אלע זענען מאכטלאָז, ווייל די מאכט וואס זיי בעקעמפען איז אויך א שאָטענדיגע, א פיקטיווע. ווער רעפרעזענטירט איצט דאס יודישע פאָלק, די יודישע מאסען? שאָטענס פון פּאָליטישע פארטייען, שאָטענס פון אידעען, שאָטענס פון בעוועגונגען.

קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַלע; טראַדיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע שאָטענס.

אַ פאָלק מיט בלויז שאטען, שאָטען-אינסטיטוציעס, מיט בלויז במקום רעפּרעזענטאַנטען.

און יעדע עדה יודען, יעדער מנין יודען — בעלי-הבתים אָדער אינטעליגענטען — ווייסט ווייזט אויס פונ'ם אַלטען יודישען „במקום שאין איש" און איז גרייט צו שאפען אַ גייסט שאָטען-רעפּרעזענטאַנץ, אַ נייעם שאָטען-קאַבינעט.

און אָט האבען מיר א שאָטען פון אַ יודישען קאָנגרעס. א שאטען פון א שאָטען.

פון זייט היטלער איז געקומען צו דער מאכט האט מען אָנגעהויבען ביי אונז פּלאַנעווען און רעדען וועגען א יודישען קאָנגרעס.

מען האט גערעדט און געפּלאַנעוועט א יודישען קאָנגרעס. ניין, פון צוויי קאָנגרעסען האט מען גערעדט. פון א כלל ישראל קאָנגרעס און פון א ראַדיקאַלען ארבייטער קאָנגרעס. שאָטענס האבען זיי געפּלאַנעוועט, שאָטענס האבען זיי אַפּאָנירט.

מען האט גערעדט פאר און געגען. מעהר פאר ווי געגען. און היטלער'ס ממשלה דויע'ט שוין מעהר ווי דריי יאהר. די וועלט האט ערשטוינט צוגעקוקט ווי פאסיוו קנעכטיש און מאכטלאָז דאס שאָטענדיגע „וועלט-יודענטום" האט רעאגירט אויפ'ן היטלעריזם.

דאס דייטשע יודענטום איז שוין אויסגעריסען געוואָרען מיט'ן וואָרצעל פון זייער באָדען, פונ'ם באָדען פון זייערע אור-אור עלטערן.

און דאס פּוילישע יודענטום? עס לעבט שוין קוים אין א פערמאַנענטער סאָציאַלער ערד-ציטערניש-אַטמאָספערע.

און דער געפּלאַנטער יודישער שאָטען-קאָנגרעס איז נאך נישט פאָרגעקומען.

אפילו דער שאָטען האט זיך נאך נישט אויסגעוועבט, איז נאך נישט פערווירקליכט געוואָרען.

און א סך מאל דאכט זיך — אז מען לעבט צווישען שאָטענס מוז מען אַמאָל קריגען אַזעלכע אילוזיעס — ס'איז נישט אמת. דער יודישער קאָנגרעס עקזיסטירט, איז שוין לאַנג פערווירקליכט געוואָרען. און איצט איז שוין זיין פערט, פינפטע צי זעקסטע יעהרליכע סעסיע. און די זיצונגען פונ'ם יודישען קאָנגרעס זענען איצט אזעלכע קאָנסטרוקטיווע און ווירדיגע. קודם כל האט ער אויף זיין ערשטער פייערליכער זיצונג פּראָקלאַמירט פון דאס ניי דעם פרינציפּ פון אונזערע בירגער-רעכט. דער קריג פונ'ם נאַציזם געגען יודען איז אַ פּאָליטישער בירגער-קריג, און בעהאַלט זיך נאר פחדנות'דיג דעמאַגאָגיש אונטער די שונד-מאסקעס פון נאַציאָנאַלע און ראַסען-פּראָבלעמען.

פייערליך און איינשטימיג האט דער יודישער קאָנגרעס ווידער פּראָקלאַמירט, אז ער וועט אויף א האָר נישט אָבטרעטען פונ'ם פרינציפּ פון גלייכע בירגער-רעכט, און וועט זיך די וועלט נישט לאָזען אָבנאַרען פון פערשידענע נאַציאָנאַל ראָמאַנטישע פּאָסטקעס.

דערנאָך וועט דער קאָנגרעס איבערגעהען צו דער פראגע פון נאַציאָנאַלער עמיגראַציע: אלע פעלקער האבען דאס פּראָבלעם פון איבערבעפעלקערונג און קאָלאָניזאַציע. מעהר צי וועניגער, נאָר מיר האבען זי אויך, בעזונדער אין די עקאָנאָמיש צוגעדריקטע לענדער; און דער קאָנגרעס וועט זוכען ראַציאָנאַל און נאַציאָנאַל צו רעגולירען די פראַגען פון יודישער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע.

דערנאָך וועט דער קאָנגרעס איבערגעהען צו דער ערציהונגס פּראַגע ביי יודען. נישט צו דער שפּראָכען פראַגע נאָר צו דער סאָציאַל עקאָנאָמישער ערציהונג פון די יודישע מאַסען, כדי די נייע קומענדע יודישע דורות זאָלען זיך נישט קאָנצענטרירען אין א פאָר „יודישע פאַכען" און בעלאַנגען כמעט אינגאַנצען צו איין עקאָנאָמישען קלאַס.

און דערנאָך וועט זיך דער קאָנגרעס בעשעפטיגען מיט דער אונגעהויערער וויכטיגער פראגע פון פיזישער קולטור ביי יודען, און זעהן אָרגאַניזירען מוטיגען יודישע ספּאָרט-חברות...

הויך-וואוקסיג, געזונד און שעהן זאָלען זיין די קומענדע דורות יודען!

ווערט שוין טאַקי צו ביסלעך בעסער?

אָנגעהויבען האט זיך עס, ווען די רעגירונגען האבען בעשלאָסען איינצופיהרען סאנקציעס געגען איטאַליע. אויף איינמאל האט זיך אָנגעהויבען צו ריהרען אויפ'ן וועלט-מארק. צי די פערשידענע סחורות זענען אויפגעקויפט געוואָרען פון „נייטראַלע" טאַקי פאר איטאַליע גופא, צי די אַנדערע לענדער האבען אָנגעהויבען זיך צו פערזאָרגען מיט אלערליי רוי-שטאָפען, „טאָמער וועלען זיי עס בענויטיגען", לאָזט זיך דערווייל נישט זאָגען. מיטאמאל זענען העכער געוואָרען די פרייזען פון די וויכטיגסטע וועלט-פּראָדוקטען, מיטאמאל האבען די גרויסע לאַגערען אין אלע לענדער אָנגעהויבען צו ווערען קלענער און קלענער.

בשעת אין די יאהרען 1933 און 1934 האבען אלע לענדער געהאַט דאגות, צוקוקענדיג ווי זייערע פאָרעטען (זאַפּאַסען) ווערען פון טאג צו טאג גרעסער און גרעסער און זיי האבען נישט געקענט געפונען קיין סוחרים אויף זיי, האט מען אויף הערבסט-צייט 1935 זיך אָנגעהויבען זאָרגען ווי די לאַגער'ס ווערען אַלץ קלענער און קלענער, כאָטש מ'האט שוין עטליכע מאל געהעכערט די פרייזען אויך...

און אָט לעזען מיר אין א סטאַטיסטיק פונ'ם לייפּציגער יריד, אז למשל צין האט שוין אָנגעהויבען אויסצופעהלען אויף די וועלט-פּלעצער. היינט איז צין געוואָרען א וויכטיגער ארטיקעל. די קריגס-אינדוסטריע בענויטיגט עס און בשעת אין יאהר 1932 האט מען אין דער גאנצער וועלט פערברויכט אינגאנצען 25 טויזענד טאָן צין א יאהר, בענויטיגט מען איצט יעדעס יאהר 140 טויזענד טאָנען צין. דערצו קומט נאָך די צרה, וואס אויף דער גאנצער וועלט געפונען זיך איצט קוים 14 טויזענד טאָן צין, דאס הייסט קוים אויף א חודש ארבייט און ס'איז נישט זיכער, אז די זאַפּאַסען פון צין וועלען זיך פערגרעסערן אין די לעצטע חדשים.

נישט בעסער געהט עס מיט רויהשטאָפען פאר דער טעקסטיל-אינדוסטריע. מ'בענויטיגט היינט ערך צוויי מיט א האלב מיליאָן באַלען וואָל א יאהר. אין דער גאנצער וועלט קען מען אָבער היינט בעקומען העכסטענס א האַלבען מיליאָן באַלען און ביז הערבסט 1936 וועלען קיין גרויסע פּאַרטיען נישט צוקומען. מיט עטליכע חדשים צוריק זענען נאָך געלעגען אין אויסטראַליען און אין צפון-אפריקא אזוי פיעל מיליאָנען באַלען וואָל, אז מ'האט נישט געוואוסט וואס מ'זאָל אנהויבען צו טהון דערמיט.

אָנ'ערך אויף דער העלפט זענען אין די לעצטע פאָר חדשים פערקלענערט געוואָרען די לאַגערן פון קופער אויף דער גאנצער וועלט.

אודאי האט עס געפיהרט דערצו, אז אין יענע לענדער, וואס זענען געבענטשט מיט רויה-שטאָפען זאָל זיך אָנהויבען א בעסערע צייט. בשעת אין יאהר 1934 האט אמעריקא למשל אויסגעפיהרט פערשידענע פּראָדוקטען פאר 330 מיליאָן דאָלאַר האט זיך דער אויספיהר אין יאהר 1935 געהעכערט אויף 524 מיליאָן דאָלאַר. דערצו קומט נאָך, אז בשעת אין די ערשטע חדשים פונ'ם יאהר 1935 איז דער ארויספיהר געוואָרען העכער בלויז מיט צוועלף פּראָצענט, איז אין די לעצטע חדשים פונ'ם יאהר 1935 געשטיגען דער ארויספיהר מיט 38 פּראָצענט.—מ'האט אָנגעהויבען ארויסצופיהרען נאפט, גומי און קוישוק אין אזעלכע גרויסע מענגען, וועלכע מ'האט קיינמאל אין דער וועלט נישט בענויטיגט.

אין די לעצטע חדשים זענען די פרייזען פון כמעט אלע רויה-פּראָדוקטען העכער געוואָרען מיט אָנ'ערך צעהן פּראָצענט. בלויז די פרייזען פון תבואה זענען דערווייל געבליבען סטאַביל. אָבער אויף די גרויסע וועלט-בערזעס הויבט זיך שוין אָן אַביסעלע צו העכערן אויך דער תבואה-פרייז. אין שיקאַגאָ למשל צאָהלט מען שוין היינט פאָר מאַיס (קוקורוז) $64^{1}/_{2}$, בשעת מיט עטליכע חדשים צוריק האט מען דאָרט נאָך געקענט בעקומען מאַיס מיט $60^{3}/_{4}$.—

חוץ לזה הויבט זיך אָן אומעטום די טענדענץ צו מאכען קאַרטעלען פאר די וויכטיגסטע ארטיקלען. מ'רעכענט דעריבער, אז די פרייזען וועלען נאָך ווייטער העכער ווערען.

ווי עס ווייזט זיך אָבער ארויס אויף די וויכטיגסטע פּלעצער פון דער וועלט, הויבט שוין טאַקי אָן צו ביסלעך בעסער צו ווערען אויפ'ן עולם המסחר.—

ז. האָבער, וויען—פאַריז.



וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

„מאַנדאַט קאַרני".

לעצטענס איז ביי אונז געוואָרען א געשריי אויף „מאַנדאַט קאַרני" ד"ה אז טאָמער שטעהסטו א סעקונדע אין דער ערשטער אלעע אויפ'ן טראָטואַר, וואַקסט שוין אויס א פּאָליציאַנט, וועלכער שרייבט דיר אויס א „מאַנדאַט-קאַרני".

געגען אזא שטראָף איז נישטאָ קיין אַפּעלאַציע, וואָרום טאָמער שטעלסטו זיך, הויבסט אָן צו טענה'ן, אז דו האָסט זיך נאָר אָבגעשטעלט אויף א מאָמענט פערריכערען א פּאַפּיראָס, העלפט עס גאָרנישט. אַמבעסטען איז, ווען דו בעצאָהלסט באַלד, וואָרום אויב נישט, געהט עס אין סאָנד אריין און דו מוזט בעצאָהלען כפל כפלים, ווייל געזעהען ווערסטו קיינמאָל נישט זיין.

עס וואונדערט זיך אויך ווער דער פּאָליציאַנט איז, כ'מיין אין וואס פאר א שטימונג ער איז פונקט דאַמאָלס, וואָרום פערהאַנען פּאָליציאַנטען, וועלכע מאכען אויפמערקזאַם, בעת זיי זעהען שטעהען מענשען, אז זיי זאָלען נישט שטערען דעם עפענטליכען פערקעהר; פערהאַנען אָבער אזעלכע פּאָליציאַנטען, וואס זענען גאָרנישט מתרה, גאָר זיי טשאַטעווען, און טאָמער זעהען זיי, אז מען שטעלט זיך נאָר אָב אויף איין מינוט און אפשר נאָך וויינציגער פון א מינוט, זענען זיי שוין דאָ און שרייבען. ס'טרעפט אָפט, אז בעת דער פּאָליציאַנט קומט צו צום בעשטראָפטען, שפּאַצירט שוין יענער, און דאס קומען פון פּאָליציאַנט מיט א פּראָפּאָזיציע צו בעצאָהלען א מאַנדאַט קאַרני קוקט ביי יענעם אויס ווי—ס'האָט זיך מיר געוואָלט ארויסכאַפּען א וואָרט, נאָר דערמאָנענדיג זיך, אז דא האַנדעלט זיך וועגען פּאָליציי, האָב איך דאס וואָרט בעסער אויסגעמיטען...

ס'טרעפט אָבער אויף דעם געביעט קוריאָזען און אויך—איידעל גערעדט—ברוטאַלע אינצידענטען.

יענע וואָך האָב איך ספּעציעל אָבסערווירט, ווי אזוי דאס געהט צו. אין דער ערשטער אלעע האט פּאַטראָלירט דער פּאָליציאַנט נומער 1296, אָנגעטהון מעשה אינטעליגענט אין בינאָקלען, איז ער געשטאַנען אין א ווינקעל און דורך די שפּאַקולען געקוקט אין דער ערשטער אלעע אריין. פּלוצים, ער לויפט מיט'ן ביכעל אין האַנד. וואס איז? צוויי פרויען האבען זיך אָבגעשטעלט, זיי קושען זיך צום געזעגענען. דער בעל דבור איז דאָ און בעפעהלט מיט'ן הארבען וואָרט: „פּלאַטשיטש". די פרויען האבען זיך דערשראָקען, נישט וויסענדיג פארוואס זיי דאַרפען צאָהלען. מעגליך, האבען זיי געטראַכט, אז פאר קושען זיך אין גאַס מוז מען היינט צאָהלען שטראָף. האָבען זיי טאַקי נישט געמאַכט קיין שהיות און בעצאָהלט.

א צווייטער פאַל: איינער זוכט אָנ'אַדרעס, קוקט ער אויף די טויערען, שטעהט ער און גאַפט זיך, וואַקסט פאַר איהם אויס דער זעלבער פּאָליציאַנט און אינקאַסירט פון איהם איין דעם מאַנדאַט קאַרני. אזוי געהט עס כסדר.

ס'האָט אָבער אויך געטראָפען א פאַקט, וואס האט ארויסגערופען אַביסעל בייז בלוט. אויפ'ן צווייטען טראָטואַר שטעהט א פרוי, וועלכע געזעגענט זיך מיט איהר'ס א מוהמע, און ווי-נאָר זי געהט אָוועק, לויפט איהר נאָך דערזעלבער פּאָליציאַנט, כאַפּט זי אָן ביי דער האַנד און שרייט: „פּלאַטשיטש". די יודענע דערשרעקט זיך, ווייסט נישט וואס ער וויל פון איהר האָבען און בטל'ט אויס אלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ: וואס פאר א צאָהלען, פאר וואָס און פאר ווען? דער אָרדנונגס-היטער איז אָבער הפנים געווען אין א שלעכטער שטימונג און ער האט אָנגעהויבען די פרוי צו שלעפען און דערביי האט ער נישט שטאַרק מדקדק געווען אין הלכות דאַמען-עהרע; די פרוי אָבער, א קצב'טע, האט זיך נישט געלאָזט בלאָזען אין דער קאַשע אריין און האט איהם געוואָגט צו זאָגען, אז ער איז נישט קיין דזשענטעלמאַן...

לכתחילה, זעהענדיג ווי א פּאָליציאַנט שלעפּט אזוי ברוטאַל א פרוי ביי דער האַנד און בעציהט זיך צו איהר אויף נישט קיין דזשענטעלמענישען אופן, בין איך געווען זיכער, אז דא האַנדעלט זיך וועגען א גנבה אָדער וועגען אַן אומאָראַלישער טהאַט, גאָר שפּעטער, ווען איך האָב זיך דערוואוסט וועגען וואס דא געהט, האָב איך זיך פאר חרפה און אויפרעגונג שנעל אָבגעטראָגען פון דער גאַס, ווייל גאָר פשוט—כ'האָב זיך געשעהמט.

דעמזעלבען טאג האבען דורכגעהענדע כוליגאַנעס פערטשעפּעט יודען אין דער ערשטער אלעע, זיי געשלאָגען, אָראָבגעכאַפּט די היטלען און זענען אַוועק אונבעשטראָפט. זיי האבען נישט בעצאָהלט קיין „מאַנדאַט קאַרני".

מען מוז אַלזאָ האבען הצלחה, אפילו צו א מאַנדאַט קאַרני...

ער האט נישט קיין מזל.

די גאנצע יודישע פּרעסע שרייבט מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג וועגען די אויפטריטען פון דעם גלענצענדען אינטערפּרעטאַטאָר פון יודישען פאָלקס-ליעד יאָסעלע קאָלאָדני. ווען ער קומט אָבער קיין טשענסטאָכאָוו האט ער א קליינעם עולם בעזוכער.

געווען איז ער שוין ביי אונז עטליכע מאָל. די ערשטע צייטען האט מען אויסגעטייטשט דעם קליינעם ערפאָלג דערמיט, וואס מען האט זיך איינגערעדט, אז ער איז ביי אונז נישט בעקאַנט. דאס צווייטע מאל האט מען געפינען אַנ'אַנדערן תירוץ און ווען ער איז געקומען צום דריטען מאָל, האבען זיך אויך געמאַכט מכשולים. דער סוף איז געווען, אז ער האט נישט געהאַט קיין ערפאָלג.

און דאס לעצטע מאל האט מען עס אויסגעלייגט, אז פונקט דעם טאג, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער קאָנצערט, זענען געווען אַנטי-יודישע אונרוהען און האָרט פאַר'ן קאָנצערט האט נעגאָסען ס'מבול, נאָר וואס פאר א תירוץ וועלען זיי האבען דערויף, וואס דעם צווייטען טאָג, און א שבת דערצו, איז אויך נישט געווען קיין ערפאָלג? איז דער תירוץ: ער האט נישט קיין הצלחה. ער נעמט טאַקי אויס, אלע זענען פון איהם בעגייסטערט, גאָר—דאָס ביסעלע מזל איז נישט דערביי...

זיי האבען אונז נישט פערשעהמט.

וויפיעל מאל איך האָב די געלעגענהייט אויסצוהערען דאס אויספיהרען א געבעט-צערעמאָניע פון אונזער וואָלף שמידט אין דער שטאָדט-שוהל, קומט מיר אויפ'ן געדאַנק, אז צו וואס זוכען פרעמדע חזנים, אויב מיר האבען אזא גלענצענדען און מוזיקאַלישען חזן, ווי עס איז טאַקי אונזער בן-עיר ה' וואָלף שמידט.

ווער עס איז געווען דעם דריטען מאי אין דער שטאָדט-שוהל, וועט מוזען מודה זיין, אז די תפילות, אָבגעריכט פון ה' שמידט אין דער בעגלייטונג פון כאָר, אָנגעפיהרט דורך ה' יצחק ריכטער, איז געווען גלענצענד; עס ווערט עפּעס בעת'ן זינגען וואַרימער אויף דער נשמה.

איך זאָג דאס נישט אָקעגען דעם, וואס איך בין אויסען צו מאכען רעקלאַמע דעם ה' שמידט אלס חזן, ווייל נישט די שטאָדט-שוהל האלט איהם ביים אנגאַזשירען, און נישט ה' שמידט וואַקירט אויף א חזן-פּאָסטען. עס ווילט זיך מיר נאָר זאָגען א פּאָר אמת'ע ווערטער. אָט זוכט מען חזנים פון ארבע פּנות העולם, און ווען זיי קומען אויף פּראָבע, געפינט מען ביי זיי חס-

אברהם פויגעל

די פוילישע אַפּריל-קאָנסטיטוציע.

III. דער מלוכה-פּרעזידענט

3.

דער מלוכה-הויפּט ערשיינט אַלס דער איינציג אנערקענטער רעפּרעזענטאַנט פון דער מלוכה כלפּי-חוץ. אין אויסלאַנד קען מען נור איהם, און זיין זיין אונטערשריפט אונטער אַ טראַקטאַט, די אַז. גער. ראַטיפיקאַציע, איז דאָרט דעצידירענד. אין זיין נאָמען פאהרען אַרויס די פוילישע אַמבאַסאַדאָרען און ער ערטיילט ערלויבניש די אויסלענדישע געזאַנדטע צו ווערען אַקרעדיטירט ביי דער פוילישער רעגירונג. לויט דער נייער קאָנסטיטוציע דעצידירט ער וועגען מלחמה און שלום. איך שטרייך ספּעציעל אונטער דאס לעצטע רעכט, וועלכעס האט לויט דער מערץ קאָנסטיטוציע געהערט צום סיים. דאס אַרויסעלימינירען דעם פּאַרלאַמענט פון צו דעצידירען אין אַזעלכע קאַרדינאַלע פראַגען פאַר אַ מלוכה. ווי עס איז דאס פּראָבלעם פון מלחמה און שלום — איז פון ערנסטער וואָגיגקייט, און די קאָנסעקווענצען דערפון לאָזען זיך נישט פאַראויסזעהען. איך בעמערק דאַביי, אַז די דאָזיגע אַלע רעכט געהערען נישט צו די פּרעראָגאַטיוועו און דעריבער וועט זיי פּאַקטיש אויספיהרען די רעגירונג, עוו. דער אויסערן-מיניסטער.

ווי שוין דערמאָנט איז דער מלוכה-פּרעזידענט דער אויבערהאַר פון די בעוואָפנעטע קרעפטען. אין דעם כאַראַקטער גיט ער אַרויס דעקרעטען אין מיליטערישע ענינים, פּעראַרדענט יאהר-יעהרליך דעם רעקרוטען-פּאַבאָר און דאַס אַהן ערלויבניש פון סיים (אַנדערש ווי ביז יעצט) דעצידירט וועגען בענוצען מיליטער אין אַ נויט-פאַל און נאָמינירט און רופט אָב זעלבסטשטענדיג דעם גענעראַל-אינספּעקטאָר און הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע. דאַביי געהער בלויז דאס לעצטע רעכט צו זיינע פּערזענליכע פּרעראָגאַטיוועו.

איך וויל זיך אָביסעל ברייטער אָבשטעלען אויף דער ראָל פון גענעראַל-אינספּעקטאָר, וועלכער איז, צוליעב די ספּעציעלע פוילישע אומשטענדען, אַרויפגעהויבען געוואָרען אויף אַ גאָר הויכער מדרגה און פאַרנעמט היינט צוטאָג אַ צענטראַל אָרט אין דער מלוכה-אָרדנונג. דער גענעראַל-אינספּעקטאָר פון דער אַרמעע איז איהר פּאַרנעזעהענער הויפּט-קאָמאַנדיר אין פאַל פון אַ מלחמה. ער איז נור פאַרגעזעהען און נישט פאַראויס בעשטימט און אין אַ קאָנקרעטען פאַל קען דער מלוכה-פּרעזידענט, לויט זיין איינזעהען, נאָמינירען אַן אַנדערע פּערזאָן אויף דער שטעל, עוו. — אַליין זיך שטעלען אין שפּיץ פון דער אַרמעע, דען די היינטיגע קאָנסטיטוציע — אין געגענזאַץ צו דער פריהערדיגער — בעגרעניצט איהם נישט אין דער הינזיכט. אַלס פּאַרנעזעהענער הויפּט-קאָמאַנדיר איז דער גענעראַל-אינספּעקטאָר אין פרידענס-צייט דער שטענדיגער פערטרעטער פון קריגס-מיניסטער אין ענינים, וועלכע זענען נוגע דער קריגס-צוגרייטונג. עס אונטערליגט איהם דער שוץ פון גענעראַל-שטאַב און ער בעזיצט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דער נאָמינאַציע פון דיוויזיע-און-פּולק-שעפען.

דער גענעראַל-אינספּעקטאָר ווי אויך דער הויפּט-קאָמאַנדיר זענען, לויט'ן פריהערדיגען געזעץ, געווען געוועזענליכע אונטערגעאָרדנטע פון קריגס-מיניסטער. אויף זיין פאַרשלאַג פלעגען זיי נאָמינירט ווערען און ער איז פאַר זייערע מעשים געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן פּאַרלאַמענט. צוליב דער שאַרפער געגנער'שאַפט צו דער קאָנצעפּציע פון מאַרשאַל פּילסודסקי, האט די נייע קאָנסטיטוציע געענדערט די זאַכלאַגע. ביידע ווערען יעצט פריי נאָמינירט דורכ'ן מלוכה-פּרעזידענט אַהן יעטוועדען פאַרשלאַג, און זענען פאַראַנטוואָרטליך נור און אויסשליסליך פאַר איהם. דער פּאַרלאַמענט האט דאַ גאָרנישט, וואָס צו זאָגען. דאס האט זעהר געהויבען זיין פּרעסטיזש.

כדאי נאָך צו בעמערקען, אַז דער פּרעזידענט — און נישט ווי ביז יעצט — דער סיים — נאָמינירט די זעקס ריכטער פון שטאַאַטס-טריבונאַל פון צווישען די קאַנדידאַטען, וועלכע ווערען איהם אין אַ דאָפּעלטער צאָהל פּרעזענטירט דורך ביידע קאַמערען; נאָמינירט און רופט אָב די בעאַמטע פון זיין ציוויל-קאַנצעלריי און האט דאס רעכט צו בעגנעדיגען אַלעראָרט פּעראורטיילטע. די אַלע רעכט געהערען צו זיינע פּ ר ע ר אָ ג אַ ט י ו ו ע ן.

4.

די אַפּריל-קאָנסטיטוציע האט — צווישען אַנדערע — ראַדיקאַל געענדערט דעם אופן פון וועהלען אַ מלוכה-פּרעזידענט.

עס וועט איהם שוין נישט וועהלען אַ נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג (דער סיים און סענאַט צוזאַמענגענומען) נור אַ ספּעציעלע קערפּערשאַפט — אַן'עלעקטאָרען-פערזאַמלונג, און אין דער לעצטער אינסטאַנץ וועט די וואַהל געהערען דעם גאַנצען פאָלק. די עלעקטאָרען-פערזאַמלונג בעשטעהט פון 80 מאַן, פון וועלכע 50 וועהלט דער סיים, 25— דער סענאַט, און די רעשט בילדען: ביידע מאַרשאַלקעס, דער פּרעמיער, פּרעזעס פון העכסטען געריכט און גענעראַל-אינספּעקטאָר פון דער אַרמעע. עס נעהמען אַלזאָ אַנטייל די שעפען פון די העכסטע מלוכה-אָרגאַנען, דורך וואס עס ווערט אונטערגעשטראָכען די דאָמינירענדע ראָל פון פּרעזידענט. פּאַרזיצער פון דער פערזאַמלונג איז דער ס ע נ אַ ט - מ אַ ר ש אַ ל ע ק (ביז יעצט ביי דער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג — דער מ אַ ר ש אַ ל ע ק פ ו ן סיים!)

דער קאַנדידאַט, וועלכער בעקומט אַן'אַבסאָלוטע מערהייט שטימען פון דער עלעקטאָרען-פערזאַמלונג, ווערט אויטאָמאַטיש פּרעזידענט, אויב דער אָבטרעטענדער מלוכה-פּרעזידענט איז אויף די וואַהל מסכים און רוקט נישט אַרויס פון זיין זייט קיין קאָנטר-קאַנדידאַט; ווען עס זאָל אָבער זיין פערקעהרט, דאַן געהט די דעציזיע איבער אין די הענד פון פאָלק, וועלכעס וועהלט איינעם פון די צוויי קאַנדידאַטען: פון אָבטרעטענדען פּרעזידענט און פון דער עלעקטאָרען-פערזאַמלונג.

נאָך דער וואַהל און פאַר'ן איבערנעהמען דעם אמט בעלעגט דער פּרעזידענט אַ שבועה, דער טעקסט פון וועלכער עס ווערט פעסטגעשטעלט אין דער קאָנסטיטוציע און איז בעמערקענסווערט צוליב אָט וואָס: אין דער קאָנסטיטוציע פערלאַנגט זיך נישט קיין שום קוואַליפיקאַציעס פאַר דעם קאַנדידאַט אויף מלוכה-פּרעזידענט. יעדער בירגער, וועלכער האט דערגרייכט אַ געוויסע עלטער, בעזיצט אַלע ציווילע און פּאָליטישע רעכט קען אַלזאָ אין פּרינציפּ קאַנדידירען אויף דעם הויכען אַמט און אַ פּשיטא שוין, אַז דאס גלויבען פון דער בעטרעפענדער פּערזאָן דאַרף נישט האבען אויף די דאָזיגע רעכט קיין שום איינפלוס. אין דער שבועה פון מלוכה-פּרעזידענט זענען אָבער פאַרהאַן מאָמענטען פון קאַטוילישע דאָגמען, און דעריבער איז די שבועה פון מלוכה - ברעזידענט אַ נ'-אונדירעקטע בעגרעניצונג פון אַלע אַנדערש-גלויביגע צו קאַנדידירען אויף דעם אַמט. "דער אַרט. 19, וועלכער פאָרמולירט דעם טעקסט פון דער שבועה שטעהט אין בולט'ער סתירה צום אַרט. 111, וועלכער איז פערבליבען פון דער מערץ-קאָנסטיטוציע און וועלכער זאָגט, אַז „קיין שום בירגער קען נישט בעגרעניצט ווערען צוליב זיין גלויבען און רעליגיעזע אנשויאונגען אין די רעכט, וועלכע דיענען צו אַנדערע בירגער", ווי אויך צום שוין געבראַכטען אַרט. 7, אַז „נישט די אָבשטאַמונג און גלויבען, נישט דאס געשלעכט און נאַציאָנאַליטעט קענען זיין אַ סבה צו בעגרעניצען די רעכט (פון בירגער).

*כאַראַקטעריסטיש פאַר די היינטיגע פוילישע פערהעלטנישען איז אויך דאס, וואס די קאָנסטיטוציע פערלאַנגט נישט מעהר דאס בעלעגען די שבועה פאַר'ן פּאַרלאַמענט, נור פאַר „אַמטליכע פּערזאָנען". געוועהנליך וועלען עס זיין די שעפען פון די מלוכה-אָרגאַנען.

דער מלוכה-פּרעזידענט אין פוילען ווערט געוועהלט אויף 7 יאהר. אין קריגס-צייט ווערט אָבער זיין קאַדענץ פערלענגערט ביז 3 חדשים נאָכ'ן אָבשליסען דעם שלום.

5.

די אַפּריל-קאָנסטיטוציע האט בעדייטענד פערשמעלערט די פעראַנטוואָרטליכקייט פון פּרעזידענט. אין דער מערץ-קאָנסטיטוציע איז דער לעצטער געוועזען פּריווילעגירט לגבי געוועהנליכע בירגער נור דערמיט, וואס איהם האט געמשפּט נישט קיין געוועהנליך געריכט, נור דער שטאַאַטס-טריבונאַל, און דערצו איז נויטיג געווען אַ בעשלוס פון פּאַרלאַמענט. גאַנץ אַנדערש זעהט עס יעצט אויס; דער פּרעזידענט קען ב מ ש ך ז י י ן ק אַ ד ע נ ץ נישט געשטעלט ווערען פ אַ ר ק יי ן ש ו ם ג ע ר י כ ט, ערשט נאָכדעם, ווי ער איז פון זיין אַמט אָבגעטרעטען קען ער פערקלאָגט ווערען פאַר פּערברעכענס, וועלכע ער איז בעגאַנגען אַלס פּרעזידענט, און וועלכע זענען מיט'ן אויספיהר'ען זיינע אַמט-פליכטען נישט געווען פערבינדען (דער פּרעזידענט הרג'עט אַ מענש); זאלען זיי אָבער מיט זיין אַמט האבען אַ שייכות (למשל, דער פּרעזידענט דערהאַלט אויף זיין אַמט אַ מיניסטער, ווען דער פּאַרלאַמענט האט אויסגעדריקט אונצוטרוי) איז ער פאַר זיי קיינמאל נישט פעראַנטוואָרטליך.

דער פּרעזידענט איז — טרעגער זיין הויכען אַמט — אַ בשר-ודם, און אונטערליגט אַזעלכע סבות, וועלכע קענען איהם דויערהאַפט פעראונמעגליכען צו ערפילען זיינע פונקציעס. די אַפּריל-קאָנסטיטוציע זעהט פאַר, אַז דער סענאַט-מאַרשאַלעק דאַרף דאַמאַלס צונויפרופען ביידע געזעצגעבערישע קאַמערען אויף איין אָרט, און די לעצטע שטעלען פעסט מיט אַ מעהרהייט פון 3/5 פון דער אַלגעמיינער, געזעצליכער צאָהל דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען, אַז דער פּרעזידענטען-אַמט איז אָבגעלעדיגט. אין רעזולטאַט פון אָט דעם בעשלוס קומען פאַר וואַהלען אויף אַ נייעם פּרעזידענט, און ביז דער לעצטער נעמט איבער זיין אַמט ערפילט די פּרעזידענטען-פונקציעס דער סענאַט-מאַרשאַלעק (פריהער — דער מאַרשאַלעק פון סיים).

קיין נייע וואהלען קומען אָבער נישט פאַר אין קריגס-צייט. באַלד ביים אָנהויב קריג דעסיגנירט דער פּרעזידענט זיינ'ס אַ פערטרעטער, וועלכער נעמט איבער דעם אַמט, ווען דער שטוהל ווערט אָבגעלעדיגט (אויפ'ן סמך פון אַ פּאַרלאַמענט-בעשלוס).

בכלל קומט אין קריגס-צייט אַריין אַן'ענדערונג אין דער גאַנצער מלוכה-אָרדנונג. די רעכט פון מלוכה-פּרעזידענט מיט דער רעגירונג דערגרייכען דאַמאַלס זייער קולמינאַציע-פּונקט. די געזעצגעבערישע קאַמערען זענען אין זייער האַנד ווי אַ באַלעם, מיט וועלכען זיי קענען אַלץ טהון. צונויפרופען, אָבלעגען, פערמאַכען זייערע סעסיעס, פערלענגערען זייער קאַדענץ, רופען זיי אין אַ פערקלענערטען צוזאַמענשטעל; אַלץ לויט'ן געברויך. דער פּרעזידענט מיט דער רעגירונג ווערען דאַמאַלס אי געזעצגעבער אי רעגירער. די רעגירונגס-פאָרם טראָגט אַלזאָ אַ דיקטאַטאָרישען כאַראַקטער.

...רונות, און דא זיצט ביי אונז אַ יור, וועלכער האט אַ"ע מזלות פון אַ קולטור-עלען האַרציגען חן.

מיט איין וואָרט—אונזערע היימישע חברה-לייט—ה' וואָלף שמידט און ה' יצחק ריכטער האבען אונז נישט פערשעהמט.

אָט ווער ס'וועט האבען אַ שאָדען...

שטעלט אייך פאָר, אַז קיין שאָדען פון דער דעוויזען-בעגרעניצונג וועל איך, למשל, נישט האבען, גאָר פּשוט—כ'האָב נישט וואס אַרויסצופיהרען און אויך נישט אַריינצופיהרען. אויב ס'וועט עמיצער יאָ ליידען אַ שאָדען און דאס אין אַ גרויסער מאָס, איז עס אונזער קרולאָווא, די מלכה יהודית פון פּאַלעסטינא.

ווי „בעוואוסט", ליגען ביי פערשידענע כלל-טהוער, ווי אויך אין אַ רייהע בענק גרויסע סומעס געלד, וואס געהערען צו דער קרולאָווא. אויסער דעם געפינען זיך אַ פּאָר מיליאָן אין פערשידענע וואַלוטעס, וואס דאַרפען אַ ליאַדע מינוט איבערגעגעבען ווערען דער קרולאָווא, כדי זי זאָל קאָנען די יודען אַריינפיהרען קיין פּאַלעסטינא. און אַזוי ווי ס'איז אַרויס די דעוויזען-בעגרענצונג, וועט דאס זיין פאַר איהר אַ גרויס אומגליק, זי וועט דאָך נישט קאָנען אַרויספיהרען די געלדער... לויפט זי טאַקי אַרום מיט אַ צובראָכענעם קאָפּ אין אַלע אוזשענדען און בעט זיך, מען זאָל איהר געבען אַן'עצה.

דערוויל קאָן איהר קיינער ליידער נישט העלפען, ווייל געזעץ איז געזעץ. זי האָפט אָבער, אַז פאַר איהר וועט מען פאָרט מאכען אַן'אויסנאַהם.

טאָג-טעגליך לויפט זי צום ה' משה אַש, ביי וועמען—ווי זי זאָגט—זי האט ליגען אַ פּאָר מיליאָן ענגלישע פונט; צו דער אגודה-באַנק, וואו זי מאָהנט זיך אויך עטליכע הונדערט טויזענד דאָלאַר, דאַן אויף דער פּאָסט א.ד.גל. צוליעב דער דעוויזען גזירה אָבער וועט זי נעביך ליידען אַן'עולה.

אָט וועמען ס'האט אממעהרסטען געטראָפען די דעוויזען בעגרענצונג.

ער האט צוגעשיקט פערשטאַרקונגען...

צום ערשטען מאַי האבען זיך געגרייט נישט בלויז די אָנגעהעריגע צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, נאָר אויך די יודענפרעסער מכל המינים. קודם כל האבען זיי אַרויסגעלאָזט אַן'אויפרוף, אַז דעם ערשטען מאַי-יום-טוב האבען אויסגעטראַכט די יודען און אַז דאס איז טאַקי אַ יודישער יום-טוב; דערפאַר אָבער איז דער דריטער מאַי זייער יום-טוב.

דער דאָזיגער אויפרוף האט אָנגעזאָגט, אַז די ענדעקעס גרייטען זיך און זיי האבען עס טאַקי בעוויזען מיט מעשים. זיי זענען אָנגעפאַלען אויף די יודישע מאַי-דעמאָנסטראַציעס, צושלאָגען אַ סך יודישע דעמאָנסטראַנטען, ווי אויך צושויער, און אויב דאס איז נאָך געווען ווייניג, האבען זיי אויך אויסגעלאָזט דעם כעס צו די מאַרקשטעהער אין זאַוואַדזיע.

אין דער דאָזיגער הייליגער אַרבייט האבען אויסער די היימישע כוליגאַנעס אויך אַנטייל גענומען כוליגאַנעס וואס זענען צוגעשיקט געוואָרען דורך דעם בעוואוסטען ענדעקישען העלד וולאָדיסלאוו מאיער, וועלכער אַרבייט אין דער קלאָבוצקער יודישער מיהל פון קורלאַנד—זיגעלבוים.

עטליכע קלאָבוצקער כוליגאַנעס, וועלכע זענען געוואוינט אָנצופאַלען אויף יודען און יעדעס מאָל אַוועק אונבעשטראָפט, האבען דאס מאָל אפילו געליטען „אַנ'עולה", אַריינכאַפּענדיג שטאַרקע קלעפּ פון דער פּ.פּ.ס.-ישעמיליץ און אויך פון יודען, אַזוי אַז מאַנכע פון זיי וועלען האבען אַ שטאַרקע טענה צו זייער אָנפיהרער און וועלען שוין אָנזאָגען אַ צעהנטען נישט זיך צו לאָזען אויף אַזעלכע עקספּערימענטען. נאָר נישט דאס איז דער עיקר. איך האָב נאָר געוואָלט מיט די דאָזיגע שורות בעווייזען, אַז ר' וולאָדיסלאוו מאיער איז אַ טרייער איבערגעבענער מיטגליד פון די כוליגאַנישע ענדעקעס, וועלכער האט אין דער ריכטיגער צייט צוגעשיקט פערשטאַרקונגען...

יודען פערשפּרייטען אַנטיסעמיטישען גיפט.

וויפיעל מאָל האבען מיר שוין אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז יודען אַליין העלפען מיט צו פערשפּרייטען דעם אַנטיסעמיטישען גיפט דערמיט, וואָס זיי קויפען מאַקולאַטור פון אַזעלכע צייטונגען, ווי דער „אָרעגדאָווניק", „גאַזעטאַ נאַראָדאָווא" א. ד. גל. און שפּעטער פּאַקען זיי'אַיין אין די צייטונגען פּראָדוקטען, וואס עס קויפען קריסטען. לעזענדיג די אומזיסטע בעקומענע צייטונגען, זעהען די קריסטען אַלע העצעס, וואס ווערען דאָרט געפיהרט געגען יודען.

דער „אָרענדאָווניק", אַ העסליכע גיפטיגע יודענפרעסערישע צייטונג, איז אַזוי אָנגעפּיקעוועט מיט שטית'ערייען אויף יודען, אַז קיין אנשטענדיגער קריסט וויל עס אויך שוין נישט לעזען. בלייבען זיי איבער אַ סך צייטונגען, וועלכע זיי פערקויפען שפּעטער אויפ'ן קילאָ איינצופּאַקען פּראָדוקטען. טאָ מיינט איהר! ווער זענען די אָבנעמער פון די צייטונגען? יודען.

אָט דערצעהלט מען, אַז אַ היגער יוד, אַ געוויסער מ. אויף נאַרוטאָוויטשאַ גאס האט געקויפט אַזעלכע צייטונגען אַזש 2000 קילאָ, וועלכע ער פערקויפט שפּעטער אין די יודישע געוועלבער, וואס פּאַקען איין זייערע פּראָדוקטען און דערמיט טהוט ער דער יודישער בעפעלקערונג אַ בערישע טובה. דאס צייטונגס-פּאַפּיר איז אפשר אַ ביסעל ביליגער, אָבער צי בערעכטיגט עס שוין די מיאוס'ע האַנדלונג לגבי דער יודישער בעפעלקערונג.

מיר מאכען אויפמערקזאַם די יודישע געוועלב-אייגענטימער, אַז זיי זאָלען זיין פאָרזיכטיג ביים קויפען מאַקולאַטור, כדי נישט צו העלפען אַליין צו פערשפּרייטען דעם אַנטיסעמיטישען גיפט.

ער האָט זיך פערדינט אַ יובילעאום.

איינע פון די וויכטיגסטע פינאַנץ-אינסטיטוציעס אין אונזער שטאָדט איז בלי-ספק די סוחרים-און פּאַבריקאַנטען-באַנק מיט איהר דירעקטאָר ה' סטאַניסלאַוו פּרושיצקי אין דער שפּיץ.

די אַלגעמיינע יעהרליכע פערזאַמלונגען ווערען טאַקי דאָרט געפיהרט זעהר זאַכליך און ערנסט, ווייל די מיטגלידער ווייסען, אַז די באַנק איז אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין זייער לעבען.

שוין די 10-טע יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג קומט פאָר אין דער דאָזיגער באַנק, שוין עלף יאהר אַרבייט זי און אויף 10 אַלגעמיינע פערזאַמלונגען איז געווען איין און דערזעלבער סעקרעטאַר — דער ה' ב. קורלאַנד.

אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג בעת ס'איז געקומען צום אויסדרוק דער 10-יעהריגער יובילעאום פון דער עקזיסטענץ פון דער באַנק, איז מיר איינגעפאַלען דער געדאַנק, אַז דער ה' ב. קורלאַנד וועלכער סעקרעטירט גאַנצע 10 יאהר אויף די אַלגעמיינע פערזאַמלונגען האט זיך אייך פערדינט אַ יובילעאום.

וואס וואָלט גע'טענה'ט די „חבר'טע" פּריסטאָראָווא?...

די אשה כשרה פּריסטאָראָווא קאָן נישט פערליידען די יודישע שחיטה, דאס איז באַרבאַריזם—האט זי געכליפּעט מיט פּלוימען-יוך—מען בע'עולה'ט די בהמה, און ווען מען האט איהר אַראָבגעריסען די מאַסקע פון איהר דעליקאַט פּנים און אויפגעוויזען, אַז דאס הומאַניטאַרסטע קוילענען אַ בהמה איז טאַקי די יודישע שחיטה, האט זי ערשט אַרויסגעזאָגט דעם אמת, אַז מיט'ן אָבשאַפען די שחיטה, ווייל זי אַרויסנעמען דעם פליישׁ-האַנדעל פון יודישע הענד. און נאָך אַ מאָטיוו האט זי געהאַט: זי קאָן נישט פערליידען, אַז ריינע אַריער זאָלען מוזען עסען פון דער יודישער שחיטה.

מעגליך, אַז פון איהר עמפּפינדליכען ווייבערישען שטאַנדפּונקט איז זי גערעכט; וואס וועט זי אָבער טענה'ן, אָט די דאָזיגע אשת-חיל, וועגען די ריינע אַריער, וועלכע ווילען נישט עסען קיין אַנדער פלייש, נאָר דוקא כשר'ס, האַלטענדיג, אַז דאס געזונדסטע פלייש איז דוקא דאס וואס ווערט געשאָכטען דורך אַ יודישען שוחט און ווערט אַנערקענט אַלס כשר. אויך זעגען פערהאַן אַ סך קריסטען, וועלכע קויפען נור כשר'ע וואורשט ביי אַבראַמאָוויטשען, כאָטש דאס יודישע פלייש, ווי אויך די יודישע וואורשט, איז בעדייטענד טייערער ווי די קריסטליכע פליישען.

ווען אָט די דאָזיגע האַרציגע מאַדאַם וואָלט אַזוי געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי איהרע גלויבענסגענאָסען זענען אָנהענגער פון דער יודישער שחיטה און ליבהאָבער פון כשר'ע פליישען—וואס וואָלט זי דאַמאָלס גע'טענה'ט?...

לויתן.

אויך מיר, טשענסטאכאווער, העלפען דעם קק״ל אויסלייזען 40.000 דונאם!

מ. אינדעלמאן.

נאך שווערער ווי קריעת ים סוף...

(ארום דער נייער באדען־קניה פון קרן קימת לישראל).

יעדעס מאל ווען עס דערגעהט צו אונז די בשורה פון א נייער באדען־קניה דורכ'ן קרן־קימת, דערוועקען זיך אין אונז געמישטע געפיהלען. נעבען דער פרייד איבער דער פערמעהרונג פונ'ם נאציאנאלען באדען־בעזיץ נאגט דאס הארץ די גאנצע זארג פאר דער צוקונפט פון דעם יודישען באדען־אויסלייז. מיט אונרוהיגקייט שטעלט מען זיך די פראגע, צי וועט מארגען נאך אזא קניה מעגלוך זיין?

ווארום פון אלע שוועריגקייטען מיט וועלכע עס האט צו קעמפען דער אויפבוי פון דער יודישער נאציאנאלער היים איז די גרעסטע — די באדען־פראגע. אויב אויף אלע אנדערע געביטען פון דער יודישער עראבערונגס־טעטיגקייט אין ארץ ישראל האבען מיר, ווי ביז יעצט, פערזיכערט זיך וועקסלענדע ציקלען פון אויפשטייג און פערהעלטניסמעסיגען שטילשטאנד, וואקסען די מניעות פאר'ן באדען־אויסלייז אין א כסדר שטייגענדען טעמפא. הן די פאליטישע, הן די פינאנציעלע מניעות.

דאס איז א פועל־יוצא פון דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פונ'ם לאנד, וועלכע געהט פאראויס אונטער'ן איינפלוס פון אונזער אייגענער ארבייט. און ווען אפילו די מאנדאט־רעגירונג וואלט געוועזען בעמיהט אונז צו פערלייכטערען דעם באדען־ערווערב מיט דער הילף פון א גינסטיגער געזעצגעבונג, וואלטען די אביעקטיווע שוועריגקייטען אין דעם פרט נאר גאנץ אונבעדייטענד געמילדערט געווארען.

עס זעהט אויס אין פלוג ווי א פאראדאקס, אבער עס איז א טהאט־זאך, וועלכע לאזט זיך נישט אבשאפען פון דער וועלט: אין דער צייט, ווען אונזער יעדע פיאנערען־אנשטרענגונג אויף וועלכען עס איז אנדערען געביט, אין דער אינדוסטריע אדער אין דער טעכניק, פערלייכטערט אונז די ווייטערדיגע שריט — שאפט יעדער שפאן דורך אונז קולטיווירטען באדען גרעסערע שוועריגקייטען פאר'ן ערווערב פון דעם שכנות'דיגען שטיקעל באדען, וועלכעס ווערט דאדורך פערטייערט אין פרייז און נישט זעלטען אויך אויף אזוי פיעל פערבעסערט, אז דער אייגענטימער קאן עס שוין בעארבייטען מיט א פיעל גרעסערען נוצען און ער וויל עס מעהר נישט פערקויפען. שוין נישט צו רעדען וועגען דער קנאה, וואס מיר רופען ארויס מיט אונזער ערפאלג ביי די שכנים, וועלכע נישט בלויז זיי ווערען דאדורך סטימולירט צו אייגענע אנשטרענגונגען, נאר זיי פערצוימען פאר אונז דעם וועג צום באדען מיט א נעבעל פון די גיפטיג־סטע גאזען פון האס און העצע, פון טערארר און דראהונגען געגען די, וואס פערקויפען זייער באדען צו יודען.

אין אט די בעדינגונגען ווערט דער באדען־אויטלייז דורכ'ן יודישען פאלק אין ארץ ישראל ממש א העראאישע אויפגאבע, וועלכע וועט ליידער מיט דער צייט נאך שווערער ווערען, אין מאמענט ווען די רעגירונג וועט איינפיהרען די געפלאנטע בעגרענצונגען פאר באדען־פערקויף. און עס זעהט נישט אויס, אז מיר זאלען אין דער נאהנטער צוקונפט זיין אומשטאנד די דאזיגע ענטוויקלונג צו ענדערען. עס זענען נאך וואס אנ'אמת פערהאן אין ארץ ישראל בעדייטענדע שטחים רעגירונגס־באדען, וועלכע וואלטען על פי יושר און לויט'ן גייסט פון דער באלפור־דעקלאראציע און פון מאנדאט געדארפט געשטעלט ווערען כאטש טיילווייז אין רשות פון דער יודישער קאלאניזאציע. אבער צו האפען אויף אזא גרויסצוגיגקייט מצד א רעגירונג, וועלכע געפונט זיך אונטער דעם אונ־אויפהערליכען דרוק פון די אראבישע העצער — וואלט געוועזען נישט מעהר ווי א אילוזיע. אפשר וועט אמאל אזא מעגליכקייט קומען — מיר זענען זיכער, אז זי וועט אונטער'ן איינפלוס פון

אונזער ארבייט סוף־כל־סוף מוזען קומען — דערווייל איז נישט פערהאנען און וועט אזוי גיך נישט זיין.

גיט מען נאך צו, דאס דער גאנצער יודישער באדען־בעזיץ אין ארץ־ישראל בעטרעפט אין איצטיגען מאמענט קוים 5,6 פראצענט פונ'ם אלגעמיינעם באדען שטח און דער גאנצער פרייער באדען־רעזערוו פון קרן קימת — ארום 25 טויזענד דונאם ביי אנ'אנדראנג פון טויזענדער קאנדידאטען אויף קאלאניזאציע, האבען מיר פאר זיך דאס פולע טראגישע בילד פון אונזער באדען־סיטואציע אין ארץ־ישראל.

פארוואס אזוי טראגיש—איז שוין היינט איבריג צו ערקלערען, נישט בלויז ציוניסטען, נאר יעדער יוד פערשטעהט שוין, אז נישט נאר באדען איז נויטווענדיגקייט פאר דער געזונד־מאכונג פון דעם באדענלאזען יודישען פאלק, נאר קיין שום ווירטשאפטליכער ארגאניזם קאן זיך נישט נארמאל ענטוויקלען און פערפעסטיגען אהן א געזונדטער לאנדווירטשאפט, וועלכע איז דאך אהן באדען אונמעגליך. אין א נארמאלער עקאנאמישער סטרוקטור מאכט אויס די לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקערונג כאטש א דריטעל פון דעם גאנצען פאלק, אין אונזער יודישען ישוב אין ארץ־ישראל בעטרעפט זי קוים 15 פראצענט ביי א טענדענץ צו א פערקלענערונג פון דעם דאזיגען פראצענט - פערהעלטניש צוליב דעם כסדר'דיגען וואוקס פון די שטעדט. מיר זענען איצט אינגאנצען אבהענגיג פון די אראבער ביי דער פערזארגונג מיט די נויטווענדיגסטע לעבענס־מיטלען און מיליאנען פונטען יעהרליך פליסען אב קיין אויסלאנד אויף דעם אימפארט פון עסענווארג, וועלכער פערצעהרט דעם קאפיטאל, וואס איז

אזוי נויטיג פאר דער ענטוויקלונג און אויסבוי פון אונזערע ווירטשאפטליכע פאזיציעס אין לאנד.

אט פארוואס די זארג פאר'ן באדען־אויסלייז בעאונרוהיגט אזוי שטארק די פיהרער פון אונזער אויפבוי־ווערק, אט פארוואס דער אלטער באדען־אויסלייזער מ. מ. אוסישקין אלארמירט אזוי אפט די יודישע וועלט מיט דער ווארנונג פאר די געפאהרען וואס דערנעהנטערן זיך צוליעב מאנגעל אין באדען. עס איז אנ'אויפגאבע, וועלכע איז נאך שווערער פון קריעת־ים־סוף, אבער אהן איהר ערפילונג איז אונזער גאנצער בויען אהן פונדאמענטען און עס איז דעריבער נישטא דער קרבן, וואס זאל זיין פאר איהר צו טייער און צו שווער. יעדער נייער שפאן ערד וואס געהט אריבער אין יודישע הענד אין ארץ־ישראל, איז דאך א נייער ציגעל אין פונדאמענט פון דער יודישער נאציאנאלער היים. א ווייטערדיגער שריט צו דער סאנירונג און קרעפטיגונג פון דער ווירטשאפטליכער סטרוקטור פונ'ם יודישען ישוב.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס אין דער גאנצער יודישער וועלט האט ארויסגערופען אזא גרויסע פרייד די בשורה, אז דער קרן קימת האט ערווארבען נייע 40 טויזענד דונאם באדען פאר לאנדווירטשאפטליכער קאלאניזאציע, אקעגען אונזער באדען־נויט איז אויך די דאזיגע גרויסע קניה ווי א טראפען אין ים אבער ווען מ'נעמט אין אכט די גרויסע שוועריגקייטען פון דעם באדען־קויף און אונזערע קארגע פינאנציעלע מיטלען, איז עס א געוואלדיגע לייסטונג.

די יודישע מאסען אין פוילען ביי וועלכע די גאולת־הארץ־ארבייט האט תמיד געפונען אזוי פיעל פערשטענדניש וועלען זיכער אנשטרענגען אלע זייערע כחות, כדי צו העלפען דעם קרן קימת נאכצוקומען זיינע גרויסע התחייבות'ן, וועלכע ער האט אויף זיך גענומען מיט דער דאזיגער קניה.

קרן קימת לישראל, טשענסטאכאוו.

זונטאג, דעם 10 מאי 8.30 א זייגער אווענד

קומט פאר אין פייערלעשער־זאל

א ארץ־ישראל־אקאדעמיע

אין צוזאמענהאנג מיט'ן אויסלייזען נייע 40.000 דונאם באדען אויף וועלכער

אסתר קאפלאן

דעלעגירטע פון קק״ל צענטראלע וועט רעפערירען א. ד. ט.:

אונזער תשבה אויף די געשעהענישען אין יפו.

דער וואקאליש־מוזיקאלישער טייל ווערט אויסגעפיהרט דורך די קבוצים „השחר" און „שומריה". — בילעטען צום פרייז פון 35, 49 און 65 גר.

ברידער יודען!

ווען שווערע כוואלעס פון אנטיסעמיטיזם בושעווען איבער אונז, ווען אלע פינסטערע כחות האבען זיך אויף אונז אנגעזעצט, איז אונז איין האפנונג געבליבען. איין ליכטיגער פונקט ארץ־ישראל און די ארץ־ישראל ווירקליכקייט שרייט צו אונז מעחר באדען, וועלכער זאל זיכערן און בעפעסטיגען אונזער קאלאניזאטאריש ווערק.

מיט צופרידענהייט האבען מיר אויפגענומען די ידיעה וועגען אויסלייזען נייע 40 טויזענד דונאם באדען. מיט פולער ענטשלאסענהייט טרעטען מיר צו צו זאמלען די נויטיגע סומעס, דעריבער ליגט א הייליגער חוב אויף יעדען יוד אין אונזער שטאדט צו שפענדען גרעסערע סומעס ענטשפרעכענד דעם דאזיגען גראנדיעזען אויסלייז־ווערק.

יעדער טשענסטאכאווער יוד דארף צו פערשטעהען און פיהלען דאס גרויסע אחריות, וואס לאסטעט אויף אונז אין איצטיגען היסטארישען מאמענט.

טשענסטאכאווער יודען!

געדענקט, אז אונזער וועג איז נישט אויסגעלעגט מיט רויזען.

יעדער טריט באדען ווערט עראבערט מיט איבערמענשליכע אנשטרענגונגען, אבער גלייכצייטיג מיט'ן פולען גלויבען אין די כחות פון פאלק, וואס שטרעבט צו אויפלעבונג, דעריבער שטרענגט אויך אן אייערע כחות און גיט איבער אייער יכולת פאר'ן „מפעל מיוחד" וואס בעצוועקט צו ערמעגליכען די עליה און קאלאניזאציע פאר נייע טויזענדער אונזערע געפלאגטע און גע'רודף'טע ברידער אין די פערשידענע גלות לענדער.

קרן קימת לישראל קאמיטעט
ציוניסטישע ארג.
מזרחי
פועלי ציון (צ. ס.)
יודענטטאטס פארטיי
וועלט פערבאנד פון אלג. ציוניסטען
התאחדות
וויזא
יודישעס גימנאזיום
גימנאזיום פון דר. אקסער
שולע א. נ.: ז. וויינשטאק.

ברוך הבא!

אין די טעג פון 9—13 מאי וועט אונז בעזוכען אין אויפטראג פון דער קרן־קימת צענטראלע אין פוילען די ה״ה אסתר קאפלאן.

איהר בעזוך קומט פאר אין צוזאמענהאנג מיט דער פראקלאמירטער אקציע פאר'ן אויסלייז פון נייע 40.000 דונאם באדען אין לאנד פון אונזער בעפרייאונג.

די לעצטע בלוטיגע געשעהענישען אין יפו—וועלכע זענען א פראדוקט פון דער העצע פון דעם מופטי—עפענדישע קליקע—האבען אויפגערודערט די גאנצע יודישע וועלט.

ס'איז נישטא דער כח אין דער וועלט, וועלכער זאל קאנען אבהאלטען די יודישע מאסען פון דער היסטארישער אויפבוי ארבייט, וועלכע דארף געבען דעם אויסגעמאטערטען יודישען פאלק די מעגליכקייט שאפען דאס זעלבסט־שטענדיג נאציאנאל לעבען אויף דער אייגענער ערד.

מיר וועלען זיך נישט אבשרעקען פאר'ן טעראר פון די אראבישע העצער און זוכענדיג א וועג צו דערנעהנטערונג מיט דעם נישט יודישען ישוב מיט פערפיעלפאכטער ענערגיע פארטזעצען אונזער אויפבוי־טהאט ביז דער פולער פערווירקליכונג פון אונזער היסטארישען ציעל.

אונזער זיכערקייט אין א״י איז אבהענגיג נישט נאר פון דער שוץ פון דער היינטיגער רעגירונג אין לאנד; ס'איז די אויפגאבע פון דער יודישער נאציע צו שאפען אזא גרויסען יודישען ישוב אין א״י, אז קיינער זאל נישט קאנען אפילו טרוימען איבערפאלען אונזערע פרידליכע בויענדע ברידער.

ס'מוז ווי אמשנעלסטען פערגרעסערט ווערען די צאהל יודען אין לאנד—ס'מוזען אויסגעברייטערט ווערען די פאזיציעס אונזערע אין דארף, כדי אונזערע לאנדווירטשאפטליכע ישובים זאלען נישט זיין פעראיינזאמט אויפ'ן שטח פון לאנד.

די יעצטיגע גרויסע אקציע פון קרן קימת דארף שאפען נייע צעהנדליגער דארפס פונקטען אין לאנד; נייע פעסטונגען פון יודישער שאפונג און בלי־הענדען לעבען.

מיר רופען אייך דעריבער, ברידער בעשטייערט זיך מיט מאקסימאל מעגליכע סכומים העלפט זאמלען די שפענדונגען. טראגט דעם גדאנק וועגען גאולת־הארץ צו אלע פריינד און בעקאנטע. נעהמט אויף ברידערליך די שליחים, וועלכע וועלען צו אייך קומען מכח דער אקציע

זאלען מיר מיט געטיינזאמע כחות העלפען אויסבויען אונזער גרויסען נאציאנאלען בנין זאלען מיר צואיילען זיין ענטשטעהונג פאר די ליידענדע יודישע מאסען אין פוילען און אין דער גאנצער וועלט.

זאל די דאזיגע ערפאלגרייכע אקציע פאר גאולת־הארץ זיין א תשובה אויף די יפו'ער געשעהענישען.

מיר ווינשען דער שליחות פון דער קרן־קימת־צענטראלע צו שאפען אויך ביי אונז אין שטאדט די געהעריגע מיטלען פאר גאולת הארץ און בעגריסען זיי מיט אונזער יודישען ברוך הבא!

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער גמילות־חסד־קאסע, אגראדאווע 6.

פערגאנגענעם זונטאג איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער גמילות חסד־קאסע, אגראדאווע 6.

פרעזעס ח. וויינהאלץ עפענט די פערזאמלונג און בעט צו בעעהרען די קדושים, וואס זענען געפאלען פון מערדערליכע הענד אין ארץ ישראל, פזשיטיק א. א.

אלס פארזיצער ווערט אויסגעוועהלט ה' א. גרוק, אלס בייזיצענדע די ה״ה: בראנדעס און האזטקע, אלס סעקרעטאר ה' קארטוש.

ה' ד. דזיאוואסקע בעגריסט די פערזאמלונג אין נאמען פון האנדווערקער פערבאנד און ווינשט דער קאסע ווייטערדיגען ערפאלג אין איהר ארבייט.

נאכדעם ווי דער פראטאקאל ווערט איינגעלעזען און בעשטעטיגט גיבען אב די בעריכטען די ה״ה: וויינהאלץ און פריערמויער, פון וועלכע ס'ווייזט זיך ארויס, אז אין משך פון יאהר זענען ארויסגעגעבען געווארען 132 הלוואות אויף א סומע פון 6.260 זל. דער קאפיטאל האט זיך פערגרעסערט ביי דער יעצטיגער קריטישער צייט מיט א סומע פון העכער 500 זל. די לעצטע צייט האט אויך די פערוואלטונג צוקאאפטירט א גרופע פרויען, וועלכע האבען געשאפען מיט זייער מיה און פלייס א גרעסערע סומע פאר דער קאסע.

דעם קאסע־בעריכט און פראטאקאל פון דער רעוויזיאנס קאמיסיע גיט אב ה' קארטוש.

אין דער דיסקוסיע נעמען אנטייל די ה״ה: א. דזיאלאווסקי, י. גערמאן, א. קאלין, פייעס, ח. וויינהאלץ, ה. פריי־ערמויער, א. קאזשיוואדע א. אנד. דער בעריכט ווערט גענומען צו קענטניס און דער אבטרעטענדער פערוואלטונג ווערט אויסגעדריקט צוטרוי.

דער בודזשעט וואס זעהט פאר 1.600 זל. הכנסה און 992 זל. הוצאות ווערט בעשטעטיגט מיט'ן רעכט צו איבערשרייטען מיט 20 פראצענט.

אין דער פערוואלטונג ווערען אויסגעוועהלט פאלגענדע פערזאנען: ש. ניעמיראווסקי, ח. וויינהאלץ, ח. י. פאצאנאווסקי, פרוי לוגערנער, ה. פרייערמויער, יוסף זיידמאן, ד. עפשטיין, א. גרינשפאן, פרוי ראזען, ה. לאנצמאן, א. פייעס, מ. שמולעוויטש און פ. קארטוש. פערטרעטער: פרוי וואלקאוויטש, א. גרוק, י. ראזענבערג, ר. זיידמאן, פרוי קאזשוך און ל. דוימאן. אין דער רעוויזיאנס־קאמיסיע: ס. זינגער און א. קאלין. פערטרעטער: ל. קערנער און ה. לעווקאוויטש.

עס ווערען אויך אנגענומען פאלגענדע פריייע פארשלאגען: א) זיך ווענדען צו דער ג״ח קאסע ביי דער קהלה מיט א פארשלאג צונויפצורופען א קאנפערענץ פון די ארטיגע ג״ח־קאסעס כדי זיי צו פעראייניגען; ב) אויסדריקען א דאנק ז'עם „דושאינט" און „צעקאבע" פאר זייער מיטהילף דער ג״ה־קאסע בכלל און בפרט פאר דער בעפרייאונג פון סטעמפעל און וועקסלען פאר די גמילות־חסד־קאסע אגראדאווע 6.

דאן ווערט בעשטימט צו שיקען א דאנק: א) דעם גרינדער פון דער קאסע ה' אלימלך אייזענבערג אין ארץ־ישראל, ב) די פרויען־אבטיילונג פאר זייער אפפערווויליגער ארבייט לטובת דער קאסע, ג) דעם ה' גייסלער פון ווארשא פאר שענקען צוויי אבליגאציעס און דער ווערט פון 200 זל.

צום סוף ווערט בעשלאסען צו אבאנירען דעם ארגאן „פאלקס־הילף" און אדורכצופיהרען א ווערבירונס־אקציע.

ביי א געהויבענער שטימונג ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

פערמאכט געזעלשאפטליכע לאקאלען.

מיט עטליכע וואכען צוריק איז דורך דער היגער מאכט אבגעשטעלט געווארען אין זייער טעטיגקייט און אויפגעלעזט די „אלגעמיינע ארבייטער־ביבליאטעק", „קולטור־ליגע", יודישע שול־ארגאניזאציע א. נ. פון י. ל. פרץ, ארבייטער ספארט־קלובען „יוטשניא־מארגענשטערן", „ביסקאוויצא" א. אנד.

עהערנעכטען זענען די אויבענדערמאנטע לאקאלען אינגאנצען פערמאכט געווארען.

דער וולאטשאווער חזן אין דער שטאדט־שוהל.

לויט דער איינלאדונג פון דער קהלה־פערוואלטונג וועט היינט, פרייטאג און מארגען שבת דאווענען אין דער שטאדט־שוהל דער וולאטשאווער חזן מיט'ן כאר אונטער דער לייטונג פון ה' יצחק ריכטער.

פון „מחזיקי־הדת"

דער בלימעל־טאג, וועלכער איז פארגעקומען דינסטאג, דעם 5 מאי לטובת „מחזיקי הדת" האט געבראכט הכנסה 176,47.

שאך־מייסטער דוד פושעפיורקא אין טשענסטאכאוו.

אויף דער איינלאדונג פון טשענסטאכאווער שאך־קלוב קומט קיין טשענסטאכאוו זונטאג, דעם 10 מאי דער וויצע פארזיצענדער פון פוילישען שאך־פעראבאנד, דער בעריהמטער שאך־מייסטער דוד פושעפיורקא, וועלכער וועט שפילען א סימילטאן־פארטיע.

פזשעפיורקא'ס בעזוך האט ארויסגערופען צווישען די פיעל שאך־שפילער א געוואלדיגע פעראינטערעסירונג.

פון קרן־קימת־לישראל

אין צוזאמענהאנג מיט'ן פראקלאמירען פון מפעל המיוחד כדי אויסצולייזען 40.000 דונאם באדען קומט פאר זונטאג, ל״ג בעומר 8.30 אין פייערלעשער־זאל אנ'אקאדעמיע, אויף וועלכער עס וועט רעפערירען די דעלעגאטין פון דער צענטראלע פון קרן־קימת אסתר קאפלאן א. ד. ט.: אונזער תשובה אויף די געשעהענישען אין יפו.

אין דער אונאפיציעלער טייל טרעטען ארויס די קבוצים „השומר" און און „שומריה".

מיט דער בעטייליגונג פון ח' אסתר קאפלאן וועלען פארקומען:

פרייטאג אווענד א זיצונג פון „וויזא" שבת 8.30 אווענד א פערזאמלונג פון אלע עסקנים, וועלכע נעמען אנטייל אין דער אקציע זונטאג 8.30 אווענד קומט פאר אין פייערלעשער־זאל אנ'אקאדעמיע.

— אלע יוגענד ארגאניזאציעס ווערען אויפגעפאדערט צו ערלעדיגען די חשבונות פון ל״ג בעומר.

ד״וח פון ק. ק. ל. פאר חודש ניסן. פושקעס—307.08, נדרים (יזכור)—136.36, חגי משפחה—12.45, קערות—9., מארקעס—37.80, תרומת המטר—16.25, בלימעל—11.61, פערשידענס—6. צוזאמען—536.55.

צוליב א קליינעם פעהלער אין מאנכע דרוק־בויגען, שטעלען מיר פעסט:

די זיצונג פון עסקנים קומט פאר שבת, דעם 9 מאי 8.30 אווענד אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארג.

די ארץ - ישראל אקאדעמיע קומט פאר זונטאג, דעם 10 מאי 8.30 אווענד אין פייערלעשער־זאל.

נדבות פאר דער געזעלשאפט „תומכי עניים"

ה' מרדכי ווייספעלנער צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער 50 קילא ברויט.

ה' שלמה ברזעזינסקי 10 קילא ברויט.

Z Koła B. Wychowanków przy szkole Z. Wajnsztokówny w Częstochowie.

Zawiadamiamy, że dnia 11-go b. m. odbędzie się odsłonięcie pomnika b.p. Z. Wajnsztokówny na cmentarzu o godz. 17 p. p. oraz nabożenstwo za duszę Zmarłej w Nowej Synagodze o godz 19-tej.

Zbiórka Członków Koła w szkole o godz. 16-30 na wyjazd na cmentarz, a o godz. 18-30 na nabożenstwo.

Zarząd uprasza o punktualne przybycie.

Uwaga: Reflektujący na przejazd autobusem na cmentarz zechcą złożyć na ręce Przewodn. Koła p. Djamentówny 60 gr. do dnia 9 b.m. Tylko dla tych będzie zarezerwowane miejsce w autobusie, którzy do tego terminu wpłacą pieniądze.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאנג־יעהריגער פראקטיק

ספעציאליטעט:

1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
3) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן,
4) וואשען שטייפע מענער־וועש מיט א דויערהאפטען שפיגעל־גלאנץ.

proszki od BÓLU GŁOWY „KOWALSKINA" dla dorosłych, ze zn. fabr. Fabr. Chem. Farm. „Ap. Kowalski" Warszawa

די טראגישע לאגע פון די יודישע מארקשטעהער אויף זאוואדזיע

גרויסע פערזאמלונג אין קליינהענדלער-פעראיין.

אונטער'ן פארזיץ פון ה' דוד פיליפאוויטש איז אין נייעם לאקאל פון קליינהענדלער-פעראיין (ווארשאווער 21) פארגעקומען א פערזאמלונג צו בעטראכטען די שווערע לאגע פון די יודישע מארקשטעהער אין זאוואדזיע. דער אינטערעס צום דאזיגען ענין איז געווען זעהר א גרויסער, אזוי אז כמעט אלע יודישע מארקהענדלער האבען זיך בעטייליגט אין דער פערזאמלונג.

נאכדעם ווי דער פארזיצער ערקלערט דעם ציעל פון דער פערזאמלונג און בעריהרט די לעצטע טרויעריגע געשעהענישען פון 1-טען מאי, בעת וועלכע ס'האבען געליטען יודישע הענדלער אויף זאוואדזיע, גיט ער איבער דאס ווארט דעם פרעזעס ראזענבערג. דער לעצטער גיט אב אנ'אויספיהרליכען בעריכט אין צוזאמענהאנג מיט'ן מעמאריאל, וואס איז אריינגעטראגען געווארען אין דער קהלה דורך די מארקשטעהער אויף זאוואדזיע, וועלכע האבען צוליב זייער שווערער לאגע אויפ'ן דאזיגען מארק אפעלירט צו שאפען פאר זיי א האלע אין דער שטאדט, פערזארגען זייערע קינדער מיט בעשעפטיגען אין יודישע פאבריקען א.ד.גל. דער דאזיגער מעמאריאל—גיט איבער פרעזעס ראזענבערג—איז דורך דער קהלה איבערגעשיקט געווארען צו דער שוין עקזיסטירענדער קאמיסיע וועגען זעלבען ענין פון די יודישע ראטמענער, דורך וועלכע ער איז טאקי די לעצטע טעג בעטראכט געווארען. די דאזיגע קאמיסיע האט אנגענומען פערשידענע פראיעקטען, ווי אזוי צו קענען פערווירקליכען די אלע פאדערונגען. דער רעפערענט גיט דערביי צו, א סך שולד דערין, וואס דער גאנצער מארק האנדעל געפינט זיך אויף זאוואדזיע, איז די צעשפליטערונג, די נישט-איינינקייט צווישען די יודישע מארקשטעהער גופא, ווייל אין דער צייט, וואס פון איין צד האט מען זיך בעמיהט, אז מען זאל ווענינסטענס דערהאלטען אויפ'ן אלטען מארק די וויכטיגסטע, גרעסערע בראנזשעס, וואס האט שוין געהאלטען ביי פערווירקליכט ווערען, האט מען פון צווייטען צד געטהון אלע מעגליכקייטען צו שטערען דעם דאזיגען פלאן. די זעלבע, וועלכע האבען דאמאלס געשטערט אונזערע בעמיהונגען, זענען יעצט די ערשטע, וועלכע בעקלאגען דעם חורבן אויף זאוואדזיע.

ווייטער רעדט פרעזעס ראזענבערג ארום דעם פראיעקט וועגען אויפשטעלען א האלע אויף די וואללעס אין פערבינדונג מיט דער ערשטער אלעע און אומגעגענד, וואו די האלע זאל אויפגעבויט ווערען אויף פרעמדע פלעצער און נאך א רייהע יאהרען זאל זי איבערגעהן צו די פלעצער-אייגענטימער. אזעלכע האלע אויפבויער איז דערווייל שווער צו געפינען, ווייל נישט יעדער וויל לעגען געלד אויף יענעמס פלאץ. דאגעגען איז די לעצטע טעג ענטשטאנען א נייער פראיעקט, לויט ווי ס'האט איהם איבערגעגעבען דער ה' מענדיל אש און לויט וועלכען ס'איז פערהאן א גרופע קאפיטאליסטען, וואס זענען גרייט אויפצובויען אזא האלע און דאס נאר אויף אנ'אייגענעם פלאץ; די לעצטע פערלאנגען אבער, אז מען זאל זיי שאפען א געהעריגע קאנצעסיע פון מאגיסטראט, וועלען זיי שוין צוטרעטען צו די בוי-פארברייטונגען.

ה' אש גיט איבער וועגען די פערהאנדלונגען, וועלכע ער האט אדורכגעפיה־ט מיט עטליכע קאפיטאליסטען בנוגע אויפשטעלען א געהעריגע האלע און זאגט, אז די עקזיסטירענדע ראטמענער-קאמיסיע מוז תיכף אננעהמען בעמיהונגען ביים מאגיסטראט צו שאפען די נויטיגע קאנצעסיע. ה' אש ווייזט דערביי אן, דאס אויב דער מאגיסטראט ערקלערט, דאס צוליב מאנגעל אין געלד קען ער אליין נישט אויפשטעלען קיין האלע, אין דער צייט, וואס אויף טשענסטאכובקע טרעט דער מאגיסטראט יעצט יא צו אויפצובויען האלעס פאר די דעוואציאנאליע-הענדלער, מוז ער ווענינסטענס ארויסגעבען אנ'ערלויבניש, כדי פריוואט אויפצובויען א האלע. וועט דאס נישט געלונגען דא צו בעקומען מוז מען זיך ווענדען וועגען דעם צו די העכערע מלוכה-ארגאנען.

ה' זבאראווסקי שילדערט די טראגישע לאגע פון די יודישע מארקשטעהער פון זאוואדזיע, וואס איז געווארען פאר זיי פשוט א גיהנם און נישט נאר זיי לייזען דארט נישט אויף די טאג-טעגליכע הצטרכות'ן, זענען זיי אויך פשוט איינגעשטעלט מיט'ן לעבען. ער אפעלירט דעריבער נאכאמאל צום פרעזעס ראזענבערג אלס קהלה-פרעזעס, ער זאל ארויסראטעווען זיי פון זאוואדזיע נאך לעבעדיגערהייד.

ה' דאנקאוויטש שלאגט זיך על חטא, וואס ער איז אויך געווען פון די ערשטע, וועלכע זענען אראבגעגאנגען נאך זאוואדזיע, וואו זיי האבען אפילו אין אנהויב נישט-קשה'דיג געלייזט און גערעכענט, אז אפשר וועלען זיי דארט דאך קענען דערהאלטען זייערע עקזיסטענצען. ליידער אבער האט די ווירקליכקייט בעוויזען, אז זיי מוזען וואס שנעלער פון דארט אנטלויפען, ווייל אנדערש קען זיין צו-שפעט.

איינער פון די פרייטאג'דיגע געליטענע אויף זאוואדזיע ה' סקארופא, וועמען די כוליגאנעס האבען צוהאקט זיין גאנץ גלאז קרעמיל, פראטעסטירט מיט טרעהרען אין די אויגען געגען די יודישע מארקשטעהער, וועלכע האבען, נאכדעם, ווי מען האט שוין א שווער-פערוואונדעטען מארקשטעהער איבערגעפיהרט אין שפיטאל אריין, צוריקגעעפענט זייערע בוידען און זאוואדזיע און ווייטער געהאנדעלט. עס רעדען נאך די ה"ה זיידמאן, פרייערמויער, סטאראזום, פרוי פערלמוטער און אנד., וועלכע זאגען, אז מען דארף זיך בעמיהען דאס אויף זאוואדזיע זאל ווענינסטענס דערווייל אוקגעשטעלט ווערען א פאליציי פאסטערונעק, וועגען בעמיהען זיך צו פערשאפען ארבייט אין די יודישע פאבריקען פאר די קינדער פון מארקשטעהער אדער אפילו מארקשטעהער גופא, וועגען איינצאהלען לויט'ן בעשלוס פון די ראטמענער-קאמיסיע 3-ער זלאטעס אויף די פארבערייטונגען צו דער האלע א.ז.וו.

דער פארזיצער פיליפאוויטש רעזומירט דאן די אלע ארומגערעטע ענינים און אפעלירענדיג נאכאמאל צו די מיטגלידער פון דער ראטמענער-קאמיסיע, זיי זאלען דאס אלעס נעהמען אין אכט, האט ער געשלאסען די אזוי-וויכטיגע פערזאמלונג.

א פרעסע-קאנפערענץ אין מאגיסטראט.

דינסטאג פארמיטאג איז אין מאגיסטראט פארגעקומען א פרעסע-קאנפערענץ, אויף וועלכער דער וויצע-פרעזידענט ה' הענשעל האט בעקענט די זשורנאליסטען מיט די אקטועלע פראבלעמען פון דער שטאדטישער ווירטשאפט.

קודם כל האט ה' הענשעל ערקלערט, אז היות ס'ווערט יעצט אבגעשטעלט די הילף פאר ארבייטסלאזע, וואס איז ערטיילט געווארען דורכ'ן „פונדוש פראצי", וועט דער מאגיסטראט אליין מוזען אנפיהרען מיט דער דאזיגער אקציע, וועלכע מוז צוליב דער גרויסער ארבייטסלאזיגקייט פארטגעזעצט ווערען. ס'איז דעריבער נויטיג, אז די טשענסטאכאווער געזעלשאפט זאל אין דער דאזיגער הינזיכט קומען צו-הילף דעם מאגיסטראט.

דער וויצע-פרעזידענט בעריהרט אויך דעם ענין פון שטאדטישען שחט-הויז, וועלכעס שטעלט נישט צופרידען די יעצטיגע געברויכען, ווייל אין דער הינזיכט פון דער טעכניק דארף עס שטארק אויסגעברייטערט ווערען. אזוי, למשל, איז אויך נויטיג א קיהל האלע, וואו פלייש זאל קענען געהעריג קאנסערווירט ווערען און א דאנק וואס מען זאל היצ אויך קענען שחט'ן אויף עקספארט. טשענסטאכאוו איז דערין דאפעלט פעראינטערעסירט, ווייל ערשטענס וואלט דאס שחט'ן בהמות א. ד. גל. געקענט פארקומען אין א גרעסערן פערנעהם און צווייטענס, וואלט מען א דאנק דעם געקענט פערקלענערן די שחט הויז-אבצאהלונגען. היות אבער דאס היגע שחט-הויז איז נאך פערדינגען צו קאנצעסיאנערען אויף 8 יאהר און דאס עווענטועלע אויסקויפען שוין יעצט דאס שחט-הויז איז פערבינדען מיט א קאלאסאלער סומע, וועלכע די שטאדט-פערוואלטונג קען דערווייל נישט בעקומען אויסנעבארגט, ענטשטעהט די פראגע, צי זאלען אנגעווענדעט ווערען אלע מיטלען, כדי אויסצוקויפען דאס שחט-הויז, אדער שוין יעצט פערלענגערן די קאנצעסיאנערען דעם טערמין פון פערדינגען דאס שחט-הויז און דערביי אדורכפיהרען אנ'אבמאך, לויט וועלכען ס'זאלען בעריקזיכטיגט ווערען די אויבענאנגעוויזענע פאדערונגען פון דער שטאדט-פערוואלטונג. ה' הענשעל בעט דעריבער, אז די זשורנאליסטען זאלען אין דער פרעסע ארומרעדען דעם דאזיגען ענין.

רעד. אש ווייזט אן, אז ס'מוזען שוין אנגענומען ווערען מיטלען צו פערקלענערן די אבצאהלונגען אין שחט הויז, ווייל צוליב דעם, וואס פון א קעלביל, למשל, בעטרעפט אין שחט-הויז דער אבצאהל אנ'ערך 8 זלאטעס, אין דער צייט, וואס דאס גאנצע קעלביל קאסט 10—12 זל., דעריבער ענטוויקעלט זיך די ווינקעל-שחיטה. די שטאדט-פערוואלטונג דארף אבער זיין פעראינטערעסירט, אז די גאנצע שחיטה זאל קענען פארקומען אין שחט-הויז, וואס ס'ענטשפרעכט אלע שחיטה-בעדינגונגען און דעריבער דארף געווירקט ווערען אויף די קאנצעסיאנערען, אז זיי זאלען שוין פערביליגערן די אבצאהלונגען, וואס ס'וועט אגב אין סך הכל זיי אויך אריינברענגען א גרעסערע הכנסה.

נאכדעם, ווי מאנכע פון די זשורנאליסטען האבען אין צוזאמענהאנג מיט די בעריהרטע ענינים געשטעלט פערשידענע פראגען, האט ווידער גענומען דאס ווארט רעד. אש, וועלכער האט געזאגט, אז אין פערלויף פון דער צייט, וואס אין בנין פון מאגיסטראט זיצט דאס נייע שטאדט פרעזידיום, זענען די טשענסטאכאווער יודען שוין עטליכע מאל בע'עולה'ט געווארען. ה' אש בעריהרט קודם כל דעם ענין פון דער היסטארישער שטאדט-ראט-זיצונג, וואס איז גערופען געווארען אין דער סדר-נאכט און זאגט, אז מיט עטליכע טעג צוריק איז די ארטיגע יודישע פרעסע געצוואונגען געווארען ווידער אמאל צו רעאגירן אויף דער עולה וואס איז אבגעטהון געווארען מצד דער מאגיסטראט די ארימע קראנקע יודען, וועלכע האבען זייט א רייהע יאהרען אויפ'ן גרונד פון בעשייניגונגען פון „לינת הצדק" אדער „טאז" בעקומען בחנם'דיגע מעדיצינען אין דער שטאדטישער אפטייק. נאכדעם, מען האט אפילו או פגעהערט ארויסצוגעבען מעדיצינען אזעלכע קראנקע יודען, וועלכע בעזיצען א־בייטסלאזיקייט-בעשייניגונגען. רעד. אש בעט דעריבער אנ'אויפקלערונג.

דער וויצע פרעזידענט פרובט צו פערענטפערן, אז צוליב דעם פינאנציעלען קריזיס, וואס די שטאדט-פערוואלטונג לעבט איבער מוזען געמאכט ווערען פערשידענע אבשפארונגען, אבער ווען ה' אש ווייזט אן, אז יעדענפאלס קען דאס נישט געטהון ווערען בלויז אויפ'ן חשבון פון יודישע איינוואוינער, ערקלערט ה' הענשעל, אז וועגען דאזיגען ענין, וועלכער איז פאר איהם געווען ביז איצט אומבעקאנט, וועט ער זיך ספעציעל פעראינטערעסירען און בעמיהען איהם געהעריג צו ערלעדיגען.

אבגעריכט א גאטעסדינסט אין דער שטאדט-שוהל לכבוד דעם 3 מאי.

זונטאג איז אין דער שטאדט-שוהל געווארען אבגעריכט א גאטעסדיענסט אין צוזאמענהאנג מיט'ן יום טוב פון 3 טען מאי.

די תפילות האט זעהר געלונגען אבגעריכט ה' וואלף שמידט מיט'ן כאר אונטער דער לייטונג פון ה' יצחק ריכטער, וועלכע האבען זעהר שעהן געזינגען.

מענינא דיומא האט גערעדט דער רב ר' נחום אש שליט"א און פראפ. האמער.

מיט'ן געזאנג פון פוילישען הימן דורכ'ן כאר איז די פייערונג געווארען פערענדיגט.

חעגען רעכט צו רעקאווירען קברים אויפ'ן ארטיגען בית-החיים.

די קהלה-פערוואלטונג בעט אונז אויפמערקזאם צו מאכען, אז דאס אויסשליסליכע רעכט צו פערנעמען זיך מיט ז'עקאווירען די קברים אויפ'ן היגען בית-עלמין האבען די גערטנער:

1) לייב ווישינסקי, אלעע 36

2) משה מאשקאוויטש, פיאטרקאווסקא 19—27

3) פיאטר קאנזעוויטש, אלעע 28.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דעם ג. טשענסטאכאווער פובליקום, אז דעם 25 אפריל האב איך געעפענט

אנ'אבטיילונג פון קינסטליכע מינעראל-וואסערן

אונטער דער אנפיהרונג פון א קאנצעסיאנירטען פארמאציע-מאגיסטער און איך ארבייט אויס אלערליי מינעראל-וואסערן: ווי ווישי, עמס, ווילדונגען, קארלסבאד'ער, מאריענבאדער, פראנץ-יאזעף א. א. צו בעקומען אין די געוועלבער:

1-טע אלעע 6 נר. און אלטער מארק 29 נר.

ווי אויך אין די אפטייקען און אפטייק-סקלאדעס צו ביליגע פרייזען. פאדערט מינעראל-וואסערן פון דער פירמע „אורסוס".

„אורסוס" פאבריק פון מינעראל-וואסערן.

Pensjonat „LEŚNICZÓWKA"

w Ostrowach, st. Blachownia

איז שוין אפען.

זוניגע צימערן מיט ווערענדעס. — עלעקטריש בעלייכטונג. — מעסיגע פרייזען. — אויף פערלאנג מינעראל, גאז און זונען-בעדער.— ערשטקלאסיגע קוך. — אויפ'ן פערלאנג דיעטישע שפייזען.

טעלעפאן: טשענסטאכאוו 16-10

ר' דוד יצחק עדעליסט ז"ל

אין עלטער פון 70 יאהר איז געשטארבען דער בעקאנטער אין אונזער שטאדט ארטאדאקסישער כלל-טהוער ר' דוד יצחק עדעליסט ז"ל.

דער פערשטארבענער איז געווען א גרויסער בן-תורה און זיין פרייע צייט אבגעגעבען פאר געזעלשאפטליכער ארבייט. אזוי איז ער געווען א לענגערע צייט דאזאר אין דער קהלה, וואו ער האט א סך מיטגעהאלפען ביים פערפולקאמען די מקוה, אז זי זאל זיין צוגעפאסט צו די בעדערפנישען פון דער יודישער בעפעלקערונג; ער איז אויך געווען איניציאטאר פון בויען אנ'אייגען הויז פאר'ן „מחזיקי הדת" און א לענגערע צייט אנגעפיהרט מיט דער אזוי וויכטיגער אינסטיטוציע אין אונזער שטאדט.

דער פערשטארבענער איז געווען א זעהר טעמפעראמענטפולע נאטור. ער האט געאפפערט פיעל מיה און צייט און געארבייט איבעראל באמת ובאמונה.

צו דער לויה זענען געקומען א גרויסער עולם מלוים, וועלכע האבען דעם נפטר בעגלייט צו זיין אייביגער רוה. ת.נ.צ.ב.ה.

דער 1 מאי אין טשענסטאכאוו.

פונקט 9 א זייגער פריה איז פון לאקאל פון דער רעכטער „פועלי ציון", נייער מארק 2, נאכ'ן אבגעהאלטענעם מיטינג ארויסגעגאנגען דער צוג פון דער „פועלי ציון" מיט דער „ליגע פאר'ן ארבייטענדען ארץ ישראל", אין וועלכען ס'האבען זיך בעטייליגט אנ'ערך 400 פערזאן.

אויף צוריקוועגס ביים נייעם מארק האבען זיך כוליגאנעס אריינגעריסען אין די רייהען פון דער יוגענד, געוואלט ארויסרייסען די פאהן און דערביי פערוואונדעט פרוי שווארץ און איהר מאן.

נאך אנ'אבגעהאלטענעם מיטינג אין לאקאל אויף פילסודסקי 17, האט די דעמאנסטראציע פון „בונד" מארשירט צוזאמען מיט די פראפ. פעראיינען דורך פילסודסקי, פיאטראווסקא, פזשעיאזד צום זאמעל-פונקט פון די פ.פ.ס.

בעת דער דעמאנסטראציע, פון די פ. פ. ס., וועלכע האט היי-יאהר געצעהלט אנ'ערך צוזאמען 12 טויזענד פערזאן, איז צוגעקומען צום רוג אלעע וואלנאשטשי און צווייטע אלעע האבען זיך אין צוג אריינגעריסען באנדעס ענדעקישע כוליגאנעס, וועלכע האבען זיך צוגעקריגען צו די בונדישע רייהען, פערניכטעט און צוגענומען צוויי בונדישע און דריי פ.פ.ס.'ישע פעהנער. דערביי זענען געווארען פערוואונדעט אייניגע פערזאן.

די ענדעקישע באנדעס האבען אין די פארמיטאג-שעה'ן זיך געלאזט וואוילגעהן און אנהויבענדיג צו שלאגען אויפ'ן נייעם מארק, האבען זיי געהענדיג ביז אין דער צווייטער אלעע געשלאגען יעדען יוד, וועלכען זיי האבען אויפ'ן וועג אנגעטראפען. נאך דעם אנפאל, וועלכען די זעלבע כוליגאנעס האבען אויסגעפיהרט אויף דעם פפסיש-בונדישען צוג, האבען זיי זיך אראבגעלאזט אויפ'ן מארק אין זאוואדזיע און געשלאגען די יודישע מארקשטעהער און ביי מאנכע אויך פערניכטעט אביסעל סחורה. אויפ'ן ארט זענען אויסער עטליכע לייכט-פערוואונדעטע, ווי: אברהם ראזענבלאט א. א., אויך שווער פערוואונדעט געווא־ען מיט אנ'אייזען אין קאפ לייביש מייטליס (נאדזשעטשנא 41), וועלכען מ'האט תיכף אריינגעפיהרט אין יודישען שפיטאל, וואו די דאקטוירים האבען פעסטגעשטעלט, אז מ'האט איהם געשפאלטען דעם שארבען און גערירט דעם מח.

FARBIARNIA I PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ" ul. Berka Joselewicza 2

פרילינג = סעזאן! צום פסח

50 13

Szczepienie ochronne przeciwko ospie świeżą krowianką codziennie

Starszy felczer

ST. MITTLER

Piłsudskiego 7

tel. 18-04.

KINO „EDEN".

נייער פוילישער פילם!

Jego Wielka Miłość

ליבע! פעררעט! חרטה!

אין די הויפט-ראלען:

יאראטש, זשעליכאווסקא, זניטש א.א., ווי אויך די 7-יעהריגע לאלא גורסקא

Kino „LUNA"

65 שטערנס שפילען אינ'ם קונסטווערק

Dawid Copperfield

איבער'ן פראגראם: וועלט-אקטואליען.

שבת און זונטאג 12-30 א זייגער

Dziewczę z Budapesztu

Kino „STYLOWY" Aleja 27.

פאריז—די שטאדט פון זינד, פרייד און טערראר.

„Marja Baszkircew"

אין דער הויפט'ראל: מאריא באלצערקעוויטש, האנס יארריי

אמת'ע וואונדער רעוועלאציע

Redaktor i wydawca: B. Bocian Druk. B. Bocian, Aleja 6